# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 1 • דאנערשטאג, י"א חשון תשפ"ז • 22סטן אקטאבער 2026 • פרשת לך לך

הַבֶּט נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים

בראשית ט"ו, ה' • פרשת לך לך



**אין דעם נומער**

**לך לך — וואס מיינט זיין א טאטע?**
א שעפעלע • לכבוד שבת קודש

**מעג מען געבן מעשר פאר וויקיפעדיע?**
א הלכה־שמועס • קאווע שטיבל

**א בריוו פון לוט**
הומאר • חקרן

**וויפיל ווייבער האט תרח געהאט?**
שאלות אויף דער סדרה • הײדפארק

**חזיתי איש**
צום יארצייט פון חזון איש • רימון

**די דאקטוירים און ברית מילה**
תורה און וויסנשאפט • יידל

# ארכיוו

נומער 1 • דאנערשטאג, י"א חשון תשפ"ז
22סטן אקטאבער 2026 • פרשת לך לך


הקדמה

# א גוטן דאנערשטאג — דער ערשטער נומער

טייערע לייענער,

איר האלט אין דער האנט דעם ערשטן נומער פון „ארכיוו“. דער געדאנק איז פשוט: אין די לעצטע צוואנציג יאר האבן אידן געשריבן אויף פארומס און בלאגס – תורה און שמועסן, קשיות און וויצן – און א סך דערפון ליגט היינט אין ארכיוון. מיר קלייבן אויס דאס בעסטע, מגיה'ן עס מיט געדולד, און שטעלן עס אוועק ווי עס פאסט פאר א מאגאזין. צוויי מאל א וואך: מאנטאג א וועלטליכער נומער, און דאנערשטאג – ווי היינט – א נומער לכבוד שבת קודש, אויף דער סדרה פון דער וואך.

די וואך לייענען מיר פרשת לך לך, און דער נומער גייט מיט איר. „א שעפעלע“ פרעגט פארוואס מען רופט אברהם „אבינו“ און נישט „רבינו“, און ענטפערט מיט א מעשה און מיט א לימוד פאר עלטערן. אויף דער „היימישער קרעטשמע“ פון הײדפארק האבן חברים אין תשס"ו געפרעגט ווי האט געהייסן אברהם'ס מאמע און וויפיל ווייבער תרח האט געהאט – און מ'האט געקענט געווינען א לאלי־פאפ. אברהם אבינו האט געגעבן דאס ערשטע מעשר אין דער תורה; אין קאווע שטיבל האט מען זיך געטענה'ט צי מען מעג געבן מעשר פאר וויקיפעדיע. ביי ברית מילה, וואס איז אויך אין אונזער סדרה, ברענגען מיר וואס די אמעריקאנער קינדער־דאקטוירים האבן געמאלדן אין 2012. און לוט, אברהם'ס פלימעניק, שרייבט א בריוו און בעט עצות.

היינט, י"א חשון, איז די יארצייט פון רחל אמנו, און אויך דער געבורטסטאג פון חזון איש; זיין יארצייט, ט"ו חשון, פאלט אויס קומענדיגן מאנטאג. „רימון“ האט פאר אים געשריבן א הערליכן ארטיקל, און מיר ברענגען אים צוזאמען מיט איינעם פון זיינע בריוו. דערצו קומען צוויי נייע קאלומס – „יארצייטן פון דער וואך“ און „פערל פון די ארכיוון“ – און די פעסטע קאלומס: „היינט מיט . . . יאר צוריק“ און „די תגובה פון דער וואך“.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“.

א גוט שבת, און האט הנאה פון לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | לך לך – וואס מיינט זיין א טאטע? • א שעפעלע | **3** |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | שאלות אויף די סדרה: פרשת לך לך • קרעמער און די חברים פון דער „היימישער קרעטשמע“ | **8** |
| **הלכה־שמועס** | מעג מען געבן מעשר פאר וויקיפעדיע? • יידל, שרגא, לעיקוואד און אנדערע | **11** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **13** |
| **תורה און וויסנשאפט** | די דאקטוירים און ברית מילה • יידל | **15** |
| **אנשי שם • צום יארצייט, ט"ו חשון** | חזיתי איש – רבי אברהם ישעיה קארעליץ • רימון | **16** |
| **לוח** | יארצייטן פון דער וואך • פרזניק10 (נערך באדיבות כינר1) | **19** |
| **הומאר** | העלפט ארויס די תנ"ך העלדן: א בריוו פון לוט • חקרן | **20** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **23** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • ניו יארק | **25** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **26** |

**לכבוד שבת קודש**

# לך לך – וואס מיינט זיין א טאטע?

פארוואס רופט מען אברהם „אבינו“ און נישט „רבינו“? און פארוואס מאכט די תורה אזא עסק פונעם נסיון פון „לך לך“? א שמועס אויף דער סדרה, מיט א מעשה פון אונזערע צייטן.

פון **א שעפעלע** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „לך לך - וואס מיינט זיין א טאטע?“ • 3טן נאוועמבער 2022
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15617.html

---

א גוטן טייערע חבירים וידידים!

די וואכעדיגע סדרה פאַנגט זיך אָן מיט איינס פון די באקאנטסטע נסיונות וואס אברהם אבינו ע"ה האט מיטגעמאכט, איינס פון די עשרה נסיונות מיט וואס השי"ת האט אים אויספראבירט, דאס איז דער נסיון פון לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ, אין וועלכע דער אייבישטער האט אים באפוילן איבערצולאזן זיין לאנד און זיין שטאט, און וואַנדערן קיין ארץ כנען.

מיר וועלן נישט מאריך זיין אין די קושיות, בלויז באמערקן א נקודה, פארוואס ווערט אברהם אבינו אנגערופן מיט'ן טיטל „אבינו“? פארוואס נישט אברהם רבינו, אדער אברהם הצדיק? וואס איז די באזונדערקייט וואס מיר געפינען ביי אברהם אבינו אז ער איז דער ראש וראשון פון אונזערע הייליגע 'אבות' און צו ווערן אנגערופן מיט דעם נאמען. און די צווייטע זאך וואס רופט אויס א שטיקל וואונדער, פארוואס מאכט די תורה אזא עֵסֶק פון די נסיון פון לך לך, און אויף דעם ווערט טאקע אנגערופן די גאנצע פרשה; לכאורה אין אונזערע אויגן וואלט מען געדארפט מאכן אסאך א גרעסערע מצב פון די נסיון וואו מ'האט אריינגעווארפן אברהם אבינו אין א קאלך-אויוון על קידוש השם, דאס איז דאָך אסאך א גרעסערע מסירות נפש פארן אייבישטער, און דאס ווערט בכלל נישט דערמאנט אין פסוק, בלויז דאס אז אברהם אבינו איז באפוילן געווארן זיך ארויסצולאזן אויפן וועג און גיין קיין כנען שטייט ארויסגעשריבן קלאר און באריכות, וואס ליגט אין דעם א לימוד פאר אונז?

אגב, אז מיר זענען עוסק אין די פרשה פון אברהם אבינו וועלכער איז געווען „הכיר את בוראו“ און האט זוכה געווען צו טרעפן דעם רבונו של עולם און זיך דערנענטערן צו אים, איז כדאי מקדים צו זיין מיט א סיפור פון אונזערע צייטן וואס האט אין זיך א שייכות צו דעם ענין, און דינט אונז אלס א מוסר השכל און איז אונז 'מְחַייֵב' אין אונזער טאג טעגליכע לעבן.

עס איז מיר לעצטענס אויסגעקומען צו באגעגענען א בחור, א ווואילע און ערליכער, א שטיק איידלקייט און מלא חן, ממש די שכינה רוהט אים אויפן פנים, וואס צו מיין גרויס וואונדער בין איך געוואר געווארן אז אט דער בחור איז א בעל תשובה, און בלויז מיט צוויי דריי יאר צוריק איז ער געווען גענצליך פריי, א תינוק שנשבה וואס איז געבוירן געווארן צו עלטערן וואס זענען ליידער נישט קיין שומרי תורה ומצוות, און דא שטייט ער פאר מיר ממש ווי א ישיבה'שע בחור, א ירא שמים, ער קען פיין לערנען, און איז מדקדק על קלה כבחמורה. אבער נאך מער אינטערעסאנט איז געווען צו הערן די היסטאריע וואס ליגט אונטער זיין התקרבות צו אידישקייט און צום דרך התורה, און ער האט דערציילט אזוי:

אלס יונגע בחור בין איך געפארן מיט א גרויסע נסיעה קיין ארץ ישראל, ווי עס איז דער סדר פון פילע אידישע קינדער פון ארום די וועלט וואס שליסן זיך אָן אין פארשידענע גרופעס וואס פירן זיי ארום אין די פארשידענע הייליגע און אינטערעסאנטע ערטער אין ארץ ישראל. איין טאג זייענדיג דארט, איז צוגעקומען צו מיר א איד און געפרעגט אויב איך וויל לייגן תפלין, מיין ערשטע רעאקציע איז געווען „א דאנק אייך, אבער ניין, איך בין נישט אינטערעסירט צו לייגן“. און דער אמת איז געווען אז איך בין דעמאלטס ליידער נישט געווען אזוי אנטציקט מיט די גאנצע ענין פון תפלין. איך האב דאָך אליינס געהאט א 'בר מצוה' צערעמאניע מיט עטליכע יאר פריער און אפילו געלייגט איין מאל תפלין, אבער אין מיינע אויגן האט עס אויסגעקוקט ווי עפעס א סימבאלישע זאך, עפעס א אומפארשטענדליכע פעולה וואס אידישע מענטשן טוען, נו, איך האב עס שוין איינמאל געטוהן, און יוצא געווען.

דער איד האט אבער נישט נאכגעלאזט, און מיט א ספעציעלע איידלקייט האט ער געפרואווט אנצוצינדן א פינק אין מיין הארץ, זאגענדיג „דו ווייסט וואס די תפלין באדייט?“ און דערביי האט ער מיר געגעבן א קורצע תמצית פון די מצוה פון הנחת תפלין וואס טראגן אין זיך די פרשיות פון יחודו ואחדותו יתברך שמו, און אז עס האט א ספעציעלע כוונה דאס וואס מען טראגט עס דווקא אויף די האנט און אויפן קאפ. זיינע ווערטער האבן געפאנגן מיין הארץ אויף א מינוט, הערנדיג אז ס'איז נישט סתם 'אַבִּי געטון' אָן קיין שום פשט, איך האב צום ערשטן מאל דערהערט אז עס איז א

מצוה וואס האט א משמעות, עס האט א טיפקייט און א העכערקייט אין זיך, און איך האב צוגעשטימט צו לייגן תפלין. איך האב דעמאלטס געהאט א שטיקל התעוררות צו אידישקייט, און באשלאסן צו בלייבן לענגער אין ארץ ישראל און זיך איינשרייבן אין איינס פון די דארטיגע באקאנטע ישיבות וואס זענען געאייגענט פאר קירוב רחוקים. און כך הוה, איך בין פארבליבן עטליכע וואכן אין ארץ ישראל, קונה געווען אביסל מושגים אין ידיעות אין אידישקייט, אבער נאך אפאר וואכן איז שוין געקומען די צייט אהיימצוגיין און צוריקצוגיין צו מיין געווענליכע 'רוטין' און לעבנסשטייגער. קיין פרומער איד בין איך נאכנישט דעמאלטס געווארן, אבער אזויפיל יא, איך האב אנגעקניפט באציאונגען מיט א לאקאלער רב אין מיין היימשטאט שיקאגא, און געבעטן אז ווען עס וועט פארקומען סיי וועלכע 'פראגראם' אדער אקטיוועטעטן וואס זענען געאייגענט אויך פאר אזעלכע יוגנטליכע ווי מיר, זאל ער מיך איינמעלדן דערוועגן, און דאס איז געווען מיין גאנצע שייכות מיט אידישקייט אין יענע תקופה.

ויהי היום, און איך באקום א מעלדונג פון יענער רב, אז עס שטעלט זיך צוזאם א קבוצה וואס גייט פארן אינאיינעם אויף א אויספלוג קיין מאנטאנע, איינע פון די שטאטן אין אמעריקע וואס ווי באקאנט פארמאגט אין זיך הערליכע בערג מיט גאר שיינע פאנאראמע. פארוואס דען נישט? איך האב זיך אנגעשלאסן אין די נסיעה און מיטגעפארן מיט זיי. אנקומענדיג אהין, ווען מ'איז ארויפגעגאנגען צום שפיץ פון איינס פון די הויכע בערג, האב איך זיך נישט געקענט גענוג אפוואונדערן פון די הערליכע נאטור וואס האט ארומגענומען די גאנצע סביבה, די ריזיגע בערג, די וואסער, די לופט, ס'איז געווען עפעס א זעלטן שיינע מראה צו זען, און איך האב אויסגעדרוקט מיין התפעלות און מיין עקסטאז, רופט זיך אָן צו מיר דער רב, ווען האסטו דאס לעצטע מאל געזען אזא זאך?, „קיינמאל אין מיין לעבן“, איז געווען מיין ענטפער, אויב אזוי דארפסטו מאכן א ברכה, „א ברכה? וואס איז דאס, און וועלכע סארט ברכה?“ האב איך זיך געוואונדערט, און דער רב ערקלערט מיר אז עס איז דא א ספעציעלע ברכה מיט וועלכע מען לויבט און דאנקט השי"ת דער „עושה מעשה בראשית“ וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט, און ווען מ'זעט די וואונדערליכע ווערק פון די בריאה דארף מען זאגן אט די ברכה...

דער רושם וואס זיינע ווערטער האבן געמאכט אויף מיר, קען איך אפילו נישט מסביר זיין, איך האב ממש אנגעהויבן צו וויינען. איך האב פלוצלינג געשפירט אז עס זענען דא מענטשן וואס לעבן מיט העכערס, זיי לעבן מיט א תכלית און א ציל, זיי זענען באהאפטן צום בורא עולם, און ווען זיי זעען די וועלט, אנשטאט קוקן דערויף מיט ליידע און פוסטע אויגן און גארנישט האבן דערפון, נעמען זיי די התפעלות און די באגייסטערונג און זיי לייגן עס אריין אין א ברכה, מען בענטשט און מען לויבט! עס האט זיך דעמאלטס געעפנט פאר מיר ממש א נייע וועלט, א וועלט צו וועלכע איך האב געוואלט באלאנגן און זיין א חלק דערפון פאר יעדן פרייז. אומר ועושה, איך האב געזאגט פארן רב אז איך האב באשלאסן מיט א פעסטע החלטה אז מיין פלאץ איז צווישן פרומע אידן, איך וויל אויך האבן אזעלכע השגות. זעענדיג מיין ערנסקייט און מיין אנטשלאסנקייט, האט דער רב מיר געהאלפן אנקומען צו איינס פון די גרויסע און חשוב'ע ישיבות אין ניו יארק, וואו איך האב זיך אריינגעזועצט על התורה ועל העבודה, און איך האב די זכיה שוין צו זיין א ערליכע און פרומע איד פאר קרוב צו דריי יאר ברוך השם!

עד כאן המעשה, און עס איז באמת א מורא'דיגע מעשה פון יעדע שטאנדפונקט און פון יעדע ווינקל דערפון. אבער לעניֵנו טייערע חברים, טוט עס פאָדערן פון אונז א געוואלד! לאמיר זיך מתבונן זיין און באמערקן ווי ווייט א מענטש איז משפיע אויף זיין סביבה, אָן צו האבן די מינדנסטע אהנונג וואס ער האט אלס אויפגעטוהן. דרייט זיך ארום א איד אין ארץ ישראל און לייגט תפלין פאר אדורכגייער אין די גאס, אבער ער ווייסט גארנישט אז ער האט אנגעצינדן א פלאם פייער אין א אידיש הארץ, און אין זיין זכות איז פארהאן א בעל תשובה אינעם וייטן אמעריקא וואס דינט דעם אייבישטער און וועט בס"ד אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות, אלעס וויל מיט זיינע קורצע דיבורים האט ער אנגעווארימט און ערוועקט די נקודה פנימיות פון א דערווייטערטע איד. אדער ווען דער רב האט מיט איינפאכע רייד גערעדט איבער מאכן די ברכה פון עושה מעשה בראשית, אבער דערמיט האט ער מקדש געווען שם שמים און מחזיר בתשובה געווען א איד און אים צוריק געברענגט צו אבינו שבשמים. געוואלד! ווער ווייסט וועלכע רושם אונזערע דיבורים און אונזערע מעשים האבן געמאכט און מאכן נאך אלס אויף אנדערע, און ווי ווייט דארפן מיר זיך אנשטרענגן אז מיר זאלן טאקע נאר ערוועקן גוטע און הייליגע געפילן אין אנדערע מענטשן, און נישט חלילה פארקערט.

אבער עס גייט נאך אסאך ווייטער פון דעם! יעדער איינער ווייסט אז קינדער זענען 'יוֹנֵק' זיי זאַפּן איין און אטעמען אריין אין זיך פון די אטמאספערע וואס זיי זעען און שפירן אין זייער הויז. נאטורליך זענען די טאטע מאמע די נענטסטע און וויכטיגסטע מענטשן אין א קינד'ס לעבן, און דאס וואס ער זעט און הערט ביי זיי ווערט א חלק פון זיין מהות, זיין טבע און זיינע געוואוינהייטן ווערן 'געשפייזט' און ערנערט מיט די חינוך וואס ער זעט צו אינדערהיים. אבער וויפיל מיר מיינען אז די „מוסר אביך“ און די „תורת אמך“ מיינט די רייד און די דרשות וואס מיר רעדן צו די קינדער, דארפן מיר וויסן אז ניין, אסאך מער ווי וואס די מויל זאגט ארויס מיט ווערטער, און אסאך בעסער ווי די אנגעגרייטע לעקציעס און חינוך פּארציעס וואס מיר געבן איבער פאר אונזערע קינדער, זענען די מעשים וואס מיר טוען, די אופן וויאזוי מיר פירן

זיך אויף, און בפרט אין א שעת נסיון, ווען זאכן זענען שווער און שטורמיש, ווען א מענטש גייט אדורך פארשידענע שוועריגקייטן אין לעבן, ווען עס באפאלט אים ח"ו א צרה אין געזונט, אין די פרנסה, אין שלום בית, אין נחת, וכדומה וכדומה, דעמאלטס קוקן די קינדער אויף די עלטערן מיט גרויסע אויגן און זיי טרינקן מיט דארשט יעדע תנועה, יעדע רעאקציע, יעדעס ווארט, און דאס גייט ווערן א חלק פון זייער טבע און פון זייער מציאות. ווייל קינדער אבזערווירן שטענדיג זייער גאנצע ארום, זיי לערנען אפ אלעס וואס טוט זיך ארום זיי און נעמען דאס אריין אין זיך, און אזוי וואקסן זיי אויף און לערנען זיך די טאג טעגליכע התנהגות וויאזוי עס איז די סדר העולם זיך צו פירן. איז על אחת כמה וכמה ווען מ'רעדט פון זייערע עלטערן, די טאטע און מאמע וועמען זיי שעצן און האבן ליב, וועמען זיי קענען אלס זייערע נענטסטע אחריות'דיגע ערוואקסענע מענטשן וואס היטן אויף זיי און באשיצן זיי, איז דאָך זייער התנהגות די הויפט חינוך וואס די קינדער זענען קונה, און עס קריכט אריין טיף אינעווייניג אין זייער נפש, נאך אסאך מער און טיפער פון די קנינים וואס זיי זענען קונה פון סיי וועלכע אנדערע רבי אדער מחנך אין די וועלט.

## ווער ווייסט וועלבע רושם אונזערע דיבורים און אונזערע מעשים האבן געמאבט און מאבן נאך אלס אויף אנדערע

אויב אזוי פארשטייט יעדער איינער אליינס אז די אחריות פון א טאטע און מאמע איז פילפאכיג גרעסער. זיי טראגן אויף זיך דעם טיטל פון 'מחנכים' יעדע רגע אין טאג, און זיי דינען אלס א וועג ווייזער אין יעדע שריט אין לעבן [און ס'איז קיינמאל נישט דא קיין 'טיים-אוט' פון דעם, ווייל די קינדער באמערקן אלעס, אפילו ווען מיר פארגעסן אז זיי קוקן, און אפילו ווען מיר מיינען אז זיי האבן נישט באמערקט אונזער התנהגות]. ווי דער גרויסער גאון און צדיק רבי שמשון רפאל הירש זי"ע האט געטייטשט דאס וואס שטייט אין די עשרת הדברות, „כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ - זיי מכבד דיין פאטערליכקייט און דיין מוטערליכקייט“ דאס מיינט צו זאגן אז עס איז א באפעל פאר יעדער איד, פארגעס נישט אז דו ביסט א טאטע אדער א מאמע צו דיינע קינדער און זיי עס מכבד, שעץ עס! געדענק די 'פאָטערשאפט' חלק וואס געפינט זיך אין דיר און איז דיין ראלע אין לעבן, ווייל אז מען געדענקט עס, פירט מען זיך אויף גאנץ אנדערש.

און אז מ'רעדט שוין, ווי פאסיג איז צו דערמאנען א טייער ווארט אויף א פסוק אין אונזער פרשה, ווען אברהם אבינו איז ארויסגעגאנגען מלחמה האלטן מיט די קעניגן וואס האבן געפאנגען זיין פלומעניק לוט, דערציילט אונז די תורה (י"ד י"ד) וַיָּרֶק אֶת חֲנִיכָיו יְלִידֵי בֵיתוֹ, אז אברהם אבינו האט איינגעשפאנט און צוגעאיילט זיינע יונגען, די מענטשן וועמען ער האט מחנך געווען און ערצויגן ביי זיך, און רש"י ברענגט פון מדרש אז טראצדעם וואס מ'ליינט די ווארט חֲנִיכָיו א לשון רבים, שטייט עס אבער געשריבן כאילו ס'וואלט געשטאנען 'חֲנִיכוֹ' א לשון יחיד (ווייל עס גייט ארויף אויף איין מענטש, אליעזר עבד אברהם, זעה רש"י). שטייט אויף דעם א דבר נפלא בדרך רמז און מוסר אינעם ספר אגורה באהלך פון הגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל (אבד"ק פאפא מאנטריאל) אז די צוויי זאכן גייען אינאיינעם, ווען א מענטש וויל מחנך זיין אנדערע, דארף ער אוועקשטעלן א עכטע דוגמא, ער דארף אוועקשטעלן א וועג ווייזער וואס מ'קען זיך אפלערנען פון אים, און פון דעם איינעם 'חֲנִיכוֹ' וועט שוין פון זיך אליינס ווערן אסאך 'חֲנִיכָיו' וואס וועלן גיין אין זיינע פיסטריט. וואס לעניננו קען מען מרמז זיין אז א מענטש דארף מקיים זיין דער 'חֲנִיכוֹ' מיט זיך אליינס, מען דארף קודם 'זיך אליינס' מחנך זיין און דורכדעם האט מען שוין א השפעה אויף אלע קינדער און אלע ארומיגע אז זיי זאלן ווערן מחונך דורך אונזער אויפפירונג.

הכלל, אצינד אז מיר ווייסן שוין אז די אויפגאבע פון א טאטע איז צו געדענקן אלעמאל אז ער איז מחנך זיינע קינדער כמעט יעדע מינוט אין טאג, ווייל זיין גאנצע 'הלוך ילך' און זיין גאנצע סדר החיים אין יעדן זמן און אין יעדן מצב לערנט זיי אויס און שטעלט זיי אוועק אויף די וועג וואס זיי וועלן שפעטער גיין, וועט א מענטש פרעגן, נו, וואס איז טאקע די עצה? וויאזוי האלט מען דעם קאפ אויפן פלאץ און מ'פארגעסט נישט פון די אייגענע פאטערליכקייט און מוטערליכקייט, מ'פארגעסט נישט אז די קינדער קוקן מיר נאך און באטראכטן מיין הנהגה; איבערהויפט ווען מ'גייט באמת אדורך שווערע אומשטענדן, מ'איז אנגעצויגן און נערוועז, מ'איז נישט רואיג, וואס איז די סגולה און די עצה עס אדורכצוגיין מיט די ריכטיגע יישוב הדעת, ארויסווייזן שטארקייט און זיכערקייט, אָן צו ווערן פארלוירן און צורידערט, און אָן צו צושאקלען די שלוות הנפש און שמחת החיים פון אונזערע קינדער.

די ריכטיגע תשובה אויף דעם איז, ווען א מענטש געדענקט זיין 'מטרה' ער געדענקט זיין ציל און תכלית וואו אהין ער וויל אנקומען און דערגרייכן, ער געדענקט וואס השי"ת פאָדערט פון אים יעצט, דאס וועט אים העלפן האלטן קאפ, און האבן די קלארקייט. און לאמיר זיך אביסל מער ערקלערן: די ערשטע זאך איז נישט צו פארגעסן פונעם בורא עולם! ווען א איד לעבט מיט אמונה און בטחון, ער ווייסט אז אלעס וואס גייט אריבער אויף אים איז מיט א חשבון, און אפילו ווען ס'איז שווער און ביטער איז עס א נסיון פון הימל, אבינו שבשמים האט אים געשיקט די יעצטיגע שוועריגקייט פאר א סיבה, און די תכלית איז עס אדורך צו שוויצן און עס ביישטיין, נישט אויפצוגעבן, נישט זיך פארלירן, און נישט ווערן אין כעס וכדומה. ווען א מענטש לעבט אזוי, ער לעבט מיט'ן אייבישטער, ער לעבט מיט א חשבון, מיט א

העכערקייט, דאס אליינס איז די גרעסטע הילף נישט צו ווערן שוואך און פארלוירן אין די שווערע מצבים! ווייל דער וואס לאזט זיינע געפילן און ווייטאגן אים באהערשן אינגאנצן, אזא איינער וועט זיך טאקע נישט קענען צוזאמקלויבן געהעריג, ער ווערט איבערגעשטרענגט און פארלוירן פון די דאגות, און דאס ברענגט אים צו ווערן ווילד און צו האבן אויסברוכן פון כעס, צו רעדן נישט איידל, צו טשעפענען און פארשעמען, און צו טוהן אנדערע נישט גוטע זאכן, ווייל דאס איז די מציאות פון א מענטש וואס ווערט אינגאנצן איבערגענומען דורך זיינע הרגשים און אומשטענדן און לאזט זיך פירן פון זיי. דאגעגן ווען איינער בלייבט באזעצן, ער פראבירט מיט אלע כוחות זיך מחזק צו זיין און שטארקן, ער געדענקט וואס עס ליגט אונטער אלע זיינע פראבלעמען, ער געדענקט אז דאס איז א נסיון, ער געדענקט אז כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, ער געדענקט אז מ'קען זיך ווענדן צום טאטן אין הימל און מ'קען געהאלפן ווערן, דאס אליינס וועט אים געבן 'קאנטראל' אויף זיך און אויף זיין מצב, נישט צו ווערן אויס מענטש און נישט אריינצופאלן אינעם נֶפֶש מְבֻהָלָה וואס וויל אים באגראבן.

והשנית, און ווער רעדט נאך אויב א מענטש האט זיך גענוג אייגנגע'חזר'ט דעם אויבנדערמאנטן כלל „אז ער איז א טאטע פאר זיינע קינדער, ער האט דאס גענוג דערהערט אין פרידנס-צייטן, און געלעבט מיט דעם טאג טעגליך צו זיין א מחנך און א וועג ווייזער פאר זיינע קינדער“, אזוי אז אפילו יעצט אין זיין שעת הדחק פארגעסט ער נישט דערפון, נאר אדרבה, ער געדענקט גוט אז איבערהויפט יעצט, דווקא אין די מינוטן, אין די שווערע אומשטענדן, פראבירן זיינע קינדער אפצולערנען און אפצוליינען אלע סימנים פון זייער טאטע וויאזוי מ'באהאנדלט א קריזיס, זיי גייען ארויסנעמען פון דעם א לימוד לנצח נצחים וויאזוי זיך אויפצופירן הלכה למעשה אין זייער אייגענעם לעבן... אז א איד איז זוכה דאס צו וויסן און געדענקן אלעמאל, דאן וועט דאס אליין אים אויך צוגעבן כוח און מוט צו קענען אדורכגיין זיינע שווערע אומשטענדן בשלום, ווייל ער געדענקט זיין תפקיד, ער ווייסט אז ער איז דא דער גענעראל אויפן פראנט און אלע סאלדאטן זענען אנגעהאנגען אין אים, זיי קוקן אים נאך און גייען פאלגן זיינע באפעלן.

עס האט פאסירט אמאל ווען איינס פון די אמעריקאנע שטאטן האבן געליטן פון א שרעקליכע פארפלייצונג, גאנצע געגענטער זענען געווען באדעקט מיט וואסער, און פילע מענטשן זענען געווען פארכאפט אין הייזער און אין בנינים אָן די מעגליכקייט צו קענען ארויסקומען, די קאטאסטראפע איז געווען גאר גרויס. די פעדעראלע רעגירונג אין וואשינגטאן אין שפיץ פונעם פרעזידענט האבן אראפגעשיקט א ספעציעלער שליח, א געוועזענער הויכראנגיקער אפיציר אין די ארמיי און א מענטש מיט אסאך ערפארונג, אז ער זאל זיך אומקוקן אויף דער מצב פון דער נאנט און אנטייל נעמען ביי די עמערדזשענסי זיצונג וואס קומט פאַר צווישן אלע לאקאלע רעטונגס אגענטורן פון יענע געגנטער, און זען וואס מ'דארף טוהן און וואס מ'קען העלפן.

האט דער אפיציר דערציילט, ווען כ'בין אריינגעקומען צום זיצונג האב איך צו מיין ערשטוינונג געפונען פילע אנגעצויגענע און ברוגז'ע בעאמטע וואס האבן נישט אויפגעהערט צו שרייען און טייטלען מיט די פינגער איינער אויפן אנדערן ווער עס איז שולדיג אין וואס, און ווער עס וואלט ווען געדארפט טוהן דאס און יענץ. איך האב נישט געגלייבט וואס מיינע אויערן הערן, איך בין געווען אין שאק, אין אזעלכע קריטישע מינוטן זענען זיי פארנומען מיט אזעלכע קליינקעפיגע חשבונות אנשטאט צו זוכן וויאזוי מ'קען ראטעווען לעבנס פון מענטשן?! ביז איך האב פארשטאנען אז די מענטשן זענען אלע א טייל פון די צרה, זייערע הייזער און פארמעגנס זענען געשעדיגט געווארן, זייערע ברידער און שוועסטער זענען פארכאפט אונטער די צענדליגער פיס וואסער, און זייערע נאנטע געפונען זיך אין די לאקאלע שפיטעלער, שולעס, ביזנעס ערטער, וואס קענען נישט פונקציאנירן געהעריג און געפונען זיך אין א סכנה, דערפאר הערשט דא כאאס און צומישעניש, קיינער קען זיך נישט צוזאמקלויבן און טראכטן גראד, ווייל זיי זענען פשוט נישט דערביי! זיי האבן נישט די מעגליכקייט צו מאכן סדר מיט די פשוט'ע מחשבות און פאקטן וואס זיי האבן יעצט צו טוהן. איך האב באמערקט אז איך בין דער איינציגסטער 'דרויסנדיגער' וואס וואוינט נישט דא, איך האב נישט קיין שום נאנטע אדער באקאנטע אינעם גאנצן ארום, און איך מוז אוועקשטעלן דעם טאן און אריינברענגען א גייסט פון נארמאלקייט ביי די פארזאמלונג. איך האב געגעבן א קלאפ אויס אויפן טיש און שטיל געמאכט, אלע אויגן האבן זיך געווענדן צו מיר, איך האב געפרעגט „איז אמת אז יעצט ווען מיר זיצן דא, שטייען מענטשן אויף די דעכער פון בנינים און ווארטן צו ווערן עוואקואירט?“ און יעדער האט געענטפערט יא! „איז וואס איז די ערשטע און איינציגסטע זאך וואס מיר ווילן ערגרייכן יעצט אויף די מינוט?“ האב איך ווייטער געפרעגט, „מיר ווילן ראטעווען וואס מער מענטשן“ איז געקומען דער ענטפער פון יעדעם איינעם פֶּה אחד. נו אויב אזוי, לאמיר אויפהערן צו שרייען און צו זידלען, ס'מאכט נישט אויס ווער ס'דארף טוהן מער אדער ווייניגער, ס'מאכט נישט אויס וועלכע אגענטור טראגט אחריות אויף וועלכע חלק פון די אפעראציע, מיר לייגן אלע חשבונות אין א זייט, און יעדער איינער וואס געפינט זיך דא אין דעם זאל שוין ארויסשיקן אלע איינגעשטעלטע און אלע וואלאנטירן פון זיין דעפארטמענט צו גיין ראטעווען און ארויסנעמען וואס מער געשטראנדעטע מענטשן... דברים פשוטים.

דאס איז א אמת'ע מעשה וואס דער אויבנדערמאנטער אפיציר האט אליינס דערציילט, עס איז א קליינע געשיכטע, אבער עס זאגט גאר אסאך. ווען עס הערשט א 'בלבול המוחין' און אלעס איז צומישט און צוטומלט איז נישט מעגליך צו רעאגירן ווי עס דארף צו זיין, עס איז פשוט נישט במציאות! דער מענטש קען זיך נישט צוזאמקלויבן און קען נישט קלאר מאכן וואס ער האט צו טוהן, און דערפאר קען ער נישט ביי-שטיין אפילו א קליינע נסיון. אבער ווען א מענטש האלט פאר די אויגן די מטרה, די תכלית, די ציל, ער ווייסט וואו אהין ער דארף אנקומען און וואס עס פארלאנגט זיך פון אים, דאן איז זיין האפענונג אסאך גרעסער, און ער האט די כוחות און די מעגליכקייט מצליח צו זיין.

יעצט פארשטייט זיך אז ביי די מעשה וואס מיר האבן געברענגט איז עס אסאך גרינגער פאר א פרעמדן מענטש, פאר א דרויסנדיגער, צו קענען אדורכשוויצן און העלפן אנדערע אין זייער נויט. און צומאל דארפן מיר טאקע וויכטיג צוקומען צו א פרעמדן, צו א חכם, צו א מורה דרך, אדער א חבר, וואס וועט אונז קענען מייעץ זיין און העלפן בייקומען א נסיון. אבער צומאל איז עס די כוחות הנפש אין אונז אינעווייניג, מיר מוזן געדענקן דעם אייבישטער וואס האט אונז געשיקט דעם פראבלעם, און אויך געדענקן אונזער תפקיד אלס פאטער און מחנך, און דאס וועט אונז נישט לאזן פאלן!

## אסאך מאל איז גרינגער צו שטארבן על קידוש השם ווי לעבן מיט קידוש השם

אזוי שטייט אין ספה"ק קדושת לוי אין אונזער פרשה, די טבע פון א מענטש איז אז ווען ער זוכט צו אנטלויפן פון א שונא, וועט ער אנטלויפן וואו אהין עס זאל נאר זיין, אפילו אויב ער וועט זיין נָע ונד און ארומוואנדערן, אַבִּי נישט נאנט צו זיין שונא. וועט מען דאָך מיינען אז אברהם אבינו האט דא פארלאזט אור כשדים און חרן כדי צו אנטלויפן פון נמרוד וואס האט אים געוואלט הארגענען ווי באקאנט, און ער איז געלאפן אָן קיין ציל און אָן קיין תכלית, דערפאר זאגט די תורה לֶךְ „לְךָ“ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ, גיי צו דיין ארט, צו דיין באשטימטע ציל וואו דו דארפסט אנקומען. אברהם אבינו גייט מיט א חשבון, מיט א פלאן, און מיט א פּאָראויס באשטימטע תכלית.

און דאס איז בעצם די גאנצע מהות פון אברהם אבינו וועלכער איז געפרואווט געווארן מיט צען שווערע נסיונות און אלעס בייגעשטאנען, ווייל אברהם אבינו לעבט מיט א ציל, ער ווייסט אז דער אייבישטער רעדט צו אים און דער אייבישטער פירט אים, ער ווערט נישט צומישט און פארלוירן. און דאס האבן מיר כלל ישראל יונק געווען און זיך געלערנט פון אברהם אבינו, ער איז אונזער וועג ווייזער במשך אלע דורות וויאזוי א איד דארף דינען דעם אייבישטער, און בפרט ווי די ספרים הקדושים זאגן, אז די כוח פון אברהם שיינט אריין און באגלייט יעדער איד ברוחניות און העלפט אונז אלע ביישטיין אונזערע נסיונות. און דערפאר הייסט ער טאקע מיט'ן נאמען „אבינו“ ווייל גענוי ווי קינדער לערנען זיך פון זייערע עלטערן, אט דאס האבן מיר גענומען און באקומען פון אברהם אבינו, די אייזן שטארקע כוחות, און די מעגליכקייט זיך צו האלטן קלאר און מיט יישוב הדעת אין די שווערסטע אומשטענדן אפילו ווען מ'גייט אדורך שווערע נסיונות, דער מוסר השכל פון לֶךְ „לְךָ“, אז אפילו ווען מ'גייט און מ'שלעפט זיך פון איין פלאץ צום אנדערן איז עס אויך מיט א ציל און מיט א תכלית, און נישט נאר ווען מ'דארף זיך אריינווארפן אין קאַלעך אויוון און זיך מוסר נפש זיין על קידוש השם, וואס ווי באקאנט דער כלל אז אסאך מאל איז גרינגער צו שטארבן על קידוש השם ווי לעבן מיט קידוש השם, נאר טאקע ביים גיין און ביים וואַנדערן, ביי די טעגליכע שוועריגקייטן, אויך דארט קען מען האלטן קאפ און געדענקן דעם בורא עולם און זיך נישט פארלירן! און דאס איז די שענסטע ירושה וואס מיר האבן זיך אפגעלערנט פון אונזער טאטע אברהם, און אט דאס העלפט אונז צו קענען ווייטער זיין א ריכטיגע טאטע און וועג ווייזער פאר אונזערע קומענדיגע דורות.

לסיכום געדענק:

- אונזערע מעשים האבן א געוואלדיגע השפעה אויף אנדערע, מ'קען קיינמאל נישט וויסן ווי ווייט עס גייט.
- עלטערן טראגן אַן אחריות ווייל מיר האבן א ספעציעלע כוח פון מחנך זיין און אויסלערנען אונזערע קינדער בלויז דורך זייער טאג טעגליכע התנהגות.
- ווען מ'איז צומישט און צוטומלט קען מען נישט טראכטן גראד און ביישטיין נסיונות. מ'מוז האלטן די קאפ אויפן פלאץ מיט אמונה און בטחון.

א לעכטיגן שבת קודש!

**שמועסן אויף דער סדרה**

# שאלות אויף די סדרה: פרשת לך לך

יעדע וואך פלעגט „קרעמער“ ארויפלייגן שאלות אויף דער סדרה. אין פרשת לך לך תשס"ו האבן די חברים זיך גענומען צו דער ארבעט – מיט רש"י, מיט מדרשים, און מיט א לאלי־פאפ.

פון **קרעמער און די חברים פון דער „היימישער קרעטשמע“** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

הײדפארק • היימישע קרעטשמע • „שאלות אויף די סדרה: פרשת לך לך“ • 6טן–13טן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1656992.html

---

**קרעמער** • 6טן נאוועמבער 2005

1. וויפיל ווייבער האט דער זיידע תרח געהאט?

2. וויאזוי האט געהייסן די מוטער פון אברהם אבינו?

3. וועלכע פרוי האט גע'מפיל'ט (ל"ע) די איינציגע 'נפל' וואס ווערט דערמאנט אין די תורה?

**כתבן** • 6טן נאוועמבער 2005

2. וויאזוי האט געהייסן די מוטער פון אברהם אבינו?

אמתלאי בת כרנבו (עפעס אזוי...)

3. וועלכע פרוי האט גע'מפיל'ט (ל"ע) די איינציגע 'נפל' וואס ווערט דערמאנט אין די תורה?

הגר. רש"י פרק ט"ז פסוק ה' ד"ה „אנכי“ זאגט רש"י... שהכניסה עין הרע בעיבורה של הגר והפילה עוברה

**קרעמער** • 6טן נאוועמבער 2005

כתבן:

גוט וואך און שלום עליכם!

אז איר קענט אזוי שנעל ענטפערן אויף די צוויי שאלות, פארוואס האט איר נישט קיין תירוץ אויף די ערשטע?

פארן עולם דא:

זענען די פראגעס געווען צו גרינג?

**חי_וקים** • 6טן נאוועמבער 2005

קרעמער,

תרח איז געשטארבן אין פרשת נח יעצט איז שוין לך לך. עבר זמנו בטל קרבנו. אי"ה נח תשס"ז וועל איך דיר ענטפערן אויף די ערשטע פראגע.

קענסט שרייען פון היינט ביז מארגן „חי_וקים“, ס'וועט דיר גארנישט העלפן!

**קרעמער** • 6טן נאוועמבער 2005

איך האף טאקע צו הערן א תשובה פון דיר פרשת נח תשס"ז, אבער זאלסט מיר דאן דערמאנען צו ענטפערן אויף דיין שאלה פון וימת הרן על פני תרח אביו (זמן שכחה י"ב חודש).

**mefikel** • 6טן נאוועמבער 2005

מיין זיידע ע"ה פלעגט נאכזאגן, אז פארדעם האט מען אים א נאמען געגעבן לוט ווייל ס'איז ר"ת ל'וט ו'ויל ט'רינקען (כידוע לכל חברי ה'קרעטשמע)

שטעלט זיך דאך די הארבע פראגע פארוואס נישט טול וואס איז אויך ר"ת ט'רינקען ו'ויל ל'וט?

ווער ס'וועט וויסן א תירוץ באקומט א לאלי-פאפ!

**יון_שרף** • 6טן נאוועמבער 2005

יעקב אבינו'ס קהלה...

ויקרא בשם ד'... ולא נאמר ביעקב כן, מפני שהוליד בנים רבים כלם עבדי ד' והיתה לו קהלה גדולה נקראת „עדת ישראל“...

(רמב"ן (פר' לך לך) פר' י"ב פסוק ח')

אפשר דאס די מקור, וואס טייל אמאליגע 'ארטאדאקסישע' אידישע קהלות פלעגן זיך רופן מיטן נאמען: 'קהל עדת ישראל' ד...

**שנאפס** • 6טן נאוועמבער 2005

לויט דיין המצאה פון טול וואס איז ר"ת ט'רינקען ו'ויל ל'וט וואלט געדארפט זיין ט'רינקען ו'ויל ט'ול, וואלט ער געדארפט הייסן טוט, איז דאך א פראבלעם: מען וועט נישט וויסן צי ט'רינקען ו'ויל ט'וט צי ט'וט ו'ויל ט'רונקען. וצ"ע

נ.ב. קרעמער וואלט געווארן צומישט, און וואלט געשריבן אירעיס...

**שיינהייט** • 7טן נאוועמבער 2005

לאמיר פרובירן אביסל פשוטע שאלות.

1. ווער איז געווען אברהם'ס מוהל? (חיתוך-פריעה-מציצה).

2. ווען איז די ברית פארגעקומען?

**בוהרחמן** • 7טן נאוועמבער 2005

אברהם אבינו'ס ברית איז געווען יום הכיפורים ביי מנחה כמבואר בפרקי דרבי אליעזר פכ"ח ועי' שם בפי' הרד"ל, וברקנטי פר' וירא, ובעשרה מאמרות,

און אז מען רעדט שוין לאמיך אויך פרעגן א קשיא (א איד ענטפערט דאך אייביג מיט א קשיא)

מען גרייט אייביג אן ביי א ברית א גרויסן כסא של אליהו הנביא זכור לטוב ווייל אליהו איז דאך דער מלאך הברית, פארוואס טאקע קומט אליהו פונקט ביי מצות מילה?

**אייזסאטמאר** • 8טן נאוועמבער 2005

דער זוה"ק זאגט אויף וימת תרח על פני אביו אז ער איז געווען דער ערשטער צו שטארבן בחיי אביו.

לכאורה שטייט שוין אין פרשת בראשית אז למך האט געהארגעט זיין זין תובל קין?

**זארעכפעפער** • 8טן נאוועמבער 2005

קענסט דאך פרעגן נאך בעסער:

קין האט גע'הרג'עט הבל בחיי אביו אדם הראשון?

**אייזסאטמאר** • 8טן נאוועמבער 2005

נאך א זאך.

די סדרה הייבט זיך אן אז הקב"ה האט געזאגט פאר אברהם לך לך מארצך אל הארץ אשר אראך, און ער איז אוועק פון חרן קיין ארץ כנען, לכאורה פאריגע וואך ענדיגט זיך אז תרח מיט אברהם זענען אוועק פון חרן קיין כנען נאך פאר דעם ציווי פון השי"ת?

איך ווייס יעדער וועט זאגן אין מוקדם ומאוחר, אבער די ראשונים רעדן דערפון, ווייל איך הערן ווער עס האט געלערנט.

ווען איר וועט נאכקוקן די ראשונים וועט איר שוין קענען פארענטפערן נאך א קשיא, דהיינו וואו איז אברהם אבינו געבוירן?

**התאחדות** • 8טן נאוועמבער 2005

אברהם אבינו האט זיך אליינס געמל'עט

**קרעמער** • 8טן נאוועמבער 2005

אויב איר זענט יא אזעלכע גרויסע תלמידי חכמים, פארוואזשעט ענטפערט איר נישט אויף די ערשטע שאלה פון די וואך (אנהייב אשכול):

וויפיל ווייבער האט דער זיידע תרח געהאט?

**זארעכפעפער** • 8טן נאוועמבער 2005

איך ווייס נישט צו ס'קומט דא אריין, אבער ס'איז א גוט ווארט.

איך האב אמאל געהערט פון א איד אן ערנסטער תלמיד חכם בש"ס ופוסקים, וואס אין חומש רש"י איז ער זייער שוואך, ער האט זיך וויניג אפגעגעבן דערמיט. זאגט ער מיר אמאל:

„איך בין אן עם הארץ (מ)[ב]דאורייתא“...

און יעצט צום ענין:

אייזסאטמאר. דער רמב"ן סוף פר' נח האט א גאנצן שמועס דערוועגן.

**קרעמער** • 8טן נאוועמבער 2005

ר' זרח:

עס שטייט אין תוספות (בבא בתרא קי"ג ע"א ד"ה תרוייהו):
פעמים שלא היו בקיאין בפסוקים!

אז אפילו די תנאים האבן געקענט פארזען א פסוק אין די תורה!

**mefikel** • 8טן נאוועמבער 2005

שנאפס, דא האסטו דיין לאלי-פאפ

Sorry for the delay!

[דא איז געווען א בילד]

**קרעמער** • 8טן נאוועמבער 2005

מפוקל:

איך מיין אז עס איז א חשש ריבית אדער עכ"פ אבק ריבית, ווייל דו האסט צוגעזאגט איין לאלי פאפ און געגעבן דריי שטיק.

**שיינהייט** • 8טן נאוועמבער 2005

1. בןהרחמן, דאס איז איין שיטה. (ועיין ברש"י דאומר דאברהם נמול ביום הולדתו, דזהו ג"כ בתשרי) אבער דער רמב"ן קריגט, ער האלט אז די ברית האט נישט געקענט פארקומען יום כיפור.

2. התאחדות, דאס איז איין שיטה, אבער עס איז דא נאך.

און וואס טוט זיך מיט פריעה?

**זארעכפעפער** • 8טן נאוועמבער 2005

שיינהייט:

1. ס'איז דא א שיטה (מובא בדעת זקנים מבעה"ת) אז אברהם האט געשיקט רופן 'שם בן נח' זאל אים מל'ן, לויט די שיטה איז נישט שווער ווער ס'האט געמאכט די פריעה ומציצה.

2. בנוגע דעם רמב"ן וואס פרעגט אויף רש"י, תוספ' אין ר"ה מערקט אויך אן די קשיא, כמדומה לי אז עכ"ז בלייבט אבער תוספ' אז ס'איז געווען תשרי.

**קרעמער** • 8טן נאוועמבער 2005

שיינהייט:

יפה שמך ויפה דברת, הקב"ה האט „צוגעהאלפן“ אברהם'ן.

וז"ל רש"י (בראשית י"ז, כ"ד): נטל אברהם סכין ואחז בערלתו ורצה לחתוך והיה מתירא שהיה זקן, מה עשה הקב"ה, שלח ידו ואחז עמו, שנאמר וכרות עמו הבית, לו לא נאמר אלא עמו. בראשית רבה. רש"י ישן עכ"ל.

**יין_שרף** • 11טן נאוועמבער 2005

נו קרעמער, וואו ביסטו?

ס'נישט שיין פון דיר. שוין ערב שבת פרשת לך לך, נאך חצות, נא זאג שוין דעם תי' אויף די ערשטע קשיא.

**קרעמער** • 11טן נאוועמבער 2005

איך קען נישט גלייבן מיינע אויגן!

שוין די צווייטע וואך וואס עס בלייבט איבער א קשיא אומפארענטפערט:

וויפיל ווייבער האט דער זיידע תרח געהאט?

אויב קיינער ענטפערט נישט, וועל איך אליין מוזן ענטפערן אי"ה מוצאי שבת, ווען איך וועל אי"ה ארויפלייגן די נייע שאלות פאר קומענדיגע וואך.

**קרעמער** • 13טן נאוועמבער 2005

תירוץ אויף די אומפארענטפערטע שאלה פון פרשת לך

תרח האט געהאט מינימום צוויי ווייבער. איינע איז געווען די מוטער פון אברהם אבינו, אמתלאי בת כרנבו.

די צווייטע איז געווען הרן'ס מוטער.

אזוי שטייט אין רש"י (בראשית כ' י"ב): אך לא בת אמי, הרן מאם אחרת היה עכ"ל. רש"י שרייבט דאס אויך אין סנהדרין (נ"ח ע"א ד"ה מן האב יקיים) ע"ש.

**קרעמער** • 5טן דעצעמבער 2005

א נייע תירוץ האב איך געזען נעכטן אויף די שאלה פון „שיינהייט“ בנוגע וועלכע טאג עס איז געווען אברהם אבינו'ס ברית.

ראש חודש תמוז (סדר הדורות).

הלכה־שמועס

# מעג מען געבן מעשר פאר וויקיפעדיע?

„ויתן לו מעשר מכל“ – אין אונזער סדרה געבט אברהם אבינו דאס ערשטע מעשר אין דער תורה. אין קאווע שטיבל האט איינער געפרעגט א פראגע פון אונזערע צייטן, און דער עולם האט זיך ארייגעלייגט.

פון **יידל, שרגא, לעיקוואד און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט] • נישט קיין פסק הלכה

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „מעשר און צדקה פאר סעקולארע צוועקן“ • 6טן–8טן יאנואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2687.html

**יידל** • 6טן יאנואר 2013

כ'האב אן אינטערעסאנטע פראגע. צו מעג איך געבן צדקה פאר וויקיפעדיע פון מעשר כספים?

**געפילטע פיש** • 6טן יאנואר 2013

דו ווילסט מיר מכשיל זיין מיט לערנען ניטל?

**שרגא** • 6טן יאנואר 2013

עס לאזט זיך ארגומענטירן אז וויקיפעדיע מיט זייערע ווייטן בליק און ברייטע מיסיע פון געבן צוטריט צו יעדע ידיעה פאר יעדן מענטש איז מעגליך אן ענין פון הצלת רבים אדער גאר פיקוח נפש, ווייל די ידיעות וואס ווערט פארשפרייט מאכט די מענטשהייט מער טאלעראנט און ברענגט אויטמאטיש צו ווייניגער האס און רציחות אויף דער וועלט, אריינגערעכנט קעגן אידן.

און באמת, וויבאלד וויקי האט אויך א ריזיגן פראיעקט פון צושטעלן גמרא און ספרים, איז דאך לכ' בכלל קיין שאלה נישט זיי צו געבן א בייסטייער (רוף עס מעות קדימה...), איבערהויפט לויט ווי דער ש"ך שרייבט אז מ'מעג קויפן ספרים מיט מעשר געלט, מיט'ן תנאי אז מ'זאל זיי אויך בארגן פאר אנדערע, וואו איז שייך א גרעסערע פארבארגעכץ פון ספרים פאר אנדערע ווי וויקי...

פארשטייט זיך (נו, וואס קומט דא אין יעדע היינטיגע בירור הלכה?) אבער למעשה דארף מען פרעגן א שאלה...

**יאיר** • 6טן יאנואר 2013

[צו יידל:]

דו טארסט נישט געבן אפילו פון דיין אייגן געלט. אפשר וועלן זיי נוצן דיין געלט צו שרייבן דברי כפירה ר"ל?

**לעיקוואד** • 6טן יאנואר 2013

[צו יאיר:]

וויבאלד וויקיפעדיע איז אויסדריקליך א ענציקלאפעדיע וואס נעמט נישט קיין שטעלונג אין קיין שום שאלה נאר גיבט איבער די פארשידענע מיינונגען אויף אן אביעקטיווער אופן (עכ"פ אזוי הייסט עס, בפועל פארשטייט זיך עס זענען דא פעלער וואס זענען יוצא מן הכלל, אבער דאס זענען פראבלעמען, אפיציעל איז זיכער אז עס דארף זיין אביעקטיוו), איז נישט שייך דאס צו רופן דברי כפירה. אחוץ אויב דו האלטסט אז איבערגעבן די פארשידענע מיינונגען איבער ערנסטע נושאים אָן נעמען א צד איז אליינס אפיקורסות.

**יידל** • 6טן יאנואר 2013

נו, איבערגעבן דעות מיט אן אביעקטיוויטעט איז דען נישט להתלמד וואס דער רמב"ם איז מתיר?

**ביבער** • 6טן יאנואר 2013

אפשר איז א גוטער עצה צו געבן מיט א תנאי, עס זאל נאר חל זיין מכח מעשר אויב גייט עס פאר תורה'דיגע ארטיקלעך.

**געפילטע פיש** • 7טן יאנואר 2013

געבט מען דען נאר פאר עניים? מ'געבט דאך מעשר פארן נייעם בית המידרש, פאר ביקור חולים, פאר אזוי סאך צוועקן וואס האט מיט עניים גארנישט איינגעלייגט.

**יאיר** • 7טן יאנואר 2013

איינער האט דא ערנסט א ספק אויב מען קען געבן מעשר פאר וויקיפעדיע? כ'מיין, באלד וועסטו פרעגן אויב מען מעג עס געבן פאר די ברוקלין לייברערי, אדער צו איבערבויען די הייוועיס, אדער צו צאלן פאר שרייבער'ס פון קאווע שטיבל צו אויפקומען מיט מאדנע שאלות, מ'וועט דאך קיינמאל נישט פארטיג ווערן. מעשר איז פאר נויטבאדערפטיגע מענטשן, נישט פאר פענאמענאלע ווערקן.

**געפילטע פיש** • 7טן יאנואר 2013

אויב איז עניים דוקא דאן איז דאס עניים דוקא, אבער אויב מעג מען געבן מעשר פאר צרכי ציבור, דארף מען דן זיין וואס הייסט ציבור, און אויב איבערבויען שאסייען הייסט אויך צרכי ציבור.

**לעיקוואד** • 8טן יאנואר 2013

לעולם איז מיר אויכעט מאדנע געווען די הוה אמינא צו גיבן מעשר געלט פאר ויקי, אבער אז מ'טראכט שוין מעג מען באמת טראכטן פארוואס נישט, ברגע וואס צדקה ומעשר איז נישט דווקא פאר עניים נאר אויך פאר די אוצר הספרים פון בית מדרש הגדול, די קאווע אינדערפרי אין בית מדרש, און די בית כסא'ס דארט, וואס איז ויקיפעדיע אנדערש?
ברויך מען מעיין זיין צו צדקה איז נאר אויף זאכען וואס זענען יידושלעך, דהיינו א יידושע אוצר הספרים יא, אבער א סעקולארע לייברערי אדער סייט נישט, איז דא א מקור פאר אזא סברא?

איך פאר זיך, וואלט געקלערט אז עס איז דא אזא בחינה פון עניי עירך קודמים. ויקיפעדיע איז גענוג גרויס און וועט האבען גענוג תורמים אן מיינע פאר פיאסטער, דאקעגן דער לאקאלער הצלה, אדער ביקור חולים, אדער סיי וועלכע מער יידושער צוועק, איז זיך סומך נאר אויף די גוטהארציגקייט פון יודען ווי אונז, ממילא איז נישט רעכט צו געבן פאר וועלטליכע צוועקן בשעת עס ווארטן אויף דיר נאנטע היימישע צוועקן.

די זעלבע איז לגבי גיבן געלט פאר רעד קראס אדער אנעדער דיזעסטער רעליף וכדו', וואס אין אלגעמיין געבן נישט קיין היימישע יודען פאר אזעלכע צוועקן, מהאי טעמא. נישט ווייל עס גייט מיר נישט אן אז קינדער אין אפריקע שטארבען פון הינגער, נאר פשוט עניי עירך קודמים, עס גייט מיר מער אן אז ביי מיר אין שכנות איז דא עניים ואביונים.

מצד שני, דארף מען נזהר זיין ווען די בארכעטיגטע טענה פון עניי עירך קודמים ווערט אזא בחינה פון חסידה שעושה חסד עם חברותיה, און די גאנצע צדקה וחסד ווערט מער א פארטייישע זאך ווי א ענין פון רחמנות וחסד. ממילא נלענ"ד אז מ'ברויך יא געבן לפחות אביסעל פאר וועלטליכע צוועקן אויך, מ'זאל זיך פשוט מרגיל זיין רחמנות האבען אויף ווער ס'איז נישט פון דיין סעקטע, וואס דאס איז גאר א וויכטיגע זאך, ורחמיו על כל מעשיו. אבער בפועל די עיקר איז מען מחוייב צו העלפן עניי עירך וואס זענען אנגעוואנדען אויף אונז משא"כ אנדערע.

**נולד מאוחר** • 8טן יאנואר 2013

לעיקוואד, ביי וויקיפעדיע פארגעס נישט די חלק פון הכרת הטוב, דו ניצט עס מסתמא מער ווי הצלה און ביקור חולים. און א געוויסע זין הייסט דאס עניי עירך. עירך היינט קען מיינען ווירטועלע עירך.

**לעיקוואד** • 8טן יאנואר 2013

אלס הכרת הטוב איז גענוג אז פון מאל צו מאל בין איך מגיה דארט טעותים און לייג צו חומר.

איך בין מסכים אז עירך קען זיין וירטואל, למשל חברי קאווע שטיבל (אדער עניליכע מקומות הקדושים) האבן לכאורה יא א קירבה איינער צום צווייטן אזויוי עירך און עס איז ראוי זיי צו העלפן פאר אנדערע. אבער וויקיפעדיע איז נישט אינעם ווירטואלע עירך נאר מער א וועלטליכע זאך אויך ווירטואלי.

**געפילטע פיש** • 8טן יאנואר 2013

לעיקוואד שרייבט:
„אבער וויקיפעדיע איז נישט אינעם ווירטואלע עירך נאר מער א וועלטליכע זאך, אויך ווירטואלי.“

פארוואס ווערט וויקיפעדיע אויס עירך מיט דעם וואס זיי זענען גרויס און וועלטליך? אויב וואלט הצלה געווען גרויס, אדער אלע הצלות אין די וועלט וואלטן געווען אונטער איין קאמפאני מיט איין קאסע, וואלט דיין התחייבות דערצו געווארן קלענער? ס'איז ווייטער עירך, נאר אנדערע פלעצער אויך.

**לעיקוואד** • 8טן יאנואר 2013

יא. איך ווייס נישט אויב דאס איז ממש די גדר להלכה, אבער די סברא מיינע איז וויבאלד פאר וויקי וועט זיך טרעפן ווער ס'זאל תורם זיין אן מיר, משא"כ עניי עירי, וואס עיניהם תלויות אלינו בלבד. טאקע די הצלה וואלט געווען א וועלטליכע זאך וואלט עס טאקע נישט געווען געוואנדען אויף מיר און וואלט נישט געהאט עדיפות פון עניי וצרכי עירך.

**כ'בין פריי** • 8טן יאנואר 2013

אז סעשוין דא אזא אשכול וואלטעך טאקע געוואלט פרעגן א קשיא אויב האבעך אסאך חובות דארף מען נאך אלץ גיבן מעשר אדער קעניך נעמען ס'געלט פאר די חובות??

**ברסלבער** • 8טן יאנואר 2013

די פוסקים זאגן אז מען דארף נישט געבן צדקה/מעשר כספים ווען מען האט חובות, די בעלי חובות קומען פריער, עס איז געבויט אויף ספר חסידים סימן תנ"ד עיי"ש

**ניו יארק** • 8טן יאנואר 2013

[צו כ'בין פריי:]

נישט די קענסט, די דארפסט!

---

**קורץ און שארף • נייער קאלום**

# פערל פון די ארכיוון

קורצע ווערטלעך און חידושים, אויסגעקליבן פון לאנגע אשכולות.

## פארוואס שטייט מען ביי קידוש לבנה?

**חיים_חייקל:**

„חיים חייקל דער פשוטער וואסער־טרעגער“ וועט זיך אויך ערלויבן צו פרעגן א שאלה פאר די קרעטשמער'ס:

תנא דבי רבי ישמעאל אלמלא לא זכו ישראל להקביל פני אביהם שבשמים אלא פעם בחודש דיו. אמר אביי הלכך צריך למימרא מעומד. פרעגט חיים חייקל: וואס פאר א פארבינדונגס האט איינס מיטן צווייטן? ווייל אפי' איינמאל אין חודש וואלט דאס אויך געווען גענוג, דעריבער דארף מען דאס זאגן שטייענדיג?

**גראף:**

אז חיים חייקל קען פרעגן, קען דער גראף ענטפערן: אומרים בשם האדמו"ר מ'בעלזא לפרש נוסח קידוש לבנה, אלמלי לא זכו ישראל להקביל פני אביהם שבשמים אלא פעם אחת בחודש דיים, אמר אביי הלכך צריך למימרא מעומד. דהנה ברכת קידוש לבנה הוא ספק ברכת הנהנין וצריכין לישב כשמברכין, או ברכת המצות וצריכין לעמוד באמירתו. והנה ברכת המצות אין צריכין לברך בכל פעם ופעם, אבל ברכת הנהנין אסור ליהנות מן העוה"ז בלא ברכה וצריך לברך בכל פעם שאוכל, וכיון שאומרים שאי"צ לברך אלא פעם אחת בחודש, שמע מינה שהוא ברכת המצות, ולכן אמר אביי הלכך צריך למימרא מעומד.

די אויבנדערמאנטע ווארט איז געדרוקט אין סוף ספר מהרי"ד מ'בעלזא זי"ע.

היידפארק • היימישע קרעטשמע • „שאלה אויף די וואך: לך לך.“ • 11טן–13טן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1658074.html

## א משנה מיט צוויי נומערן

**שיינהייט:**

לערנענדיג נעכטן מיין טעגליכ'ן פרק משניות, האב איך אנגעטראפן גאר אן אינטערעסאנטע זאך.

דהיינו, איין משנה וואס פארמאגט צוויי אדרעסן. (דאס הייסט אנשטאט עס זאל זיין למשל משנה א' שטייט משנה א'ב')

איך מיין אז דאס איז די איינציגסטע מאל אין גאנץ ששה סדרי משנה אזא זאך.

יעצט לאמיר זען ווער עס האט דאס שוין באמערקט אמאל, און ווער קען צוברענגן א תירוץ.

**שיינהייט (דער ענטפער, צוויי טעג שפעטער):**

די משנה איז כלאים פרק ז' משנה ד'ה'

ועיין שם בספר אנשי שם.

הײדפארק • היימישע קרעטשמע • „שאלה אויף די וואך: לך לך.“ • 9טן–11טן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1658074.html

## בשם שנכנס לברית

**כרם זית:**

לעצם השאלה ידוע מה שאמר הקאצקער, דכשם שמצות הברית עשה בלא פניות כן יעשה שאר המצוות.

**מרדכי מרדכי:**

ביים ברית האט מען מיר אריינגעשטופט ווין, ביים חדר־פירן האניג, און ביים חופה נאכאמאל ווײַן.

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „וואספארא וואונטש געבן מיר בשעת ברית מילה?“ • 30סטן אקטאבער און 8טן נאוועמבער 2022
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15613.html

**תורה און וויסנשאפט**

# די דאקטוירים און ברית מילה

„המול לכם כל זכר“ – די מצוה פון ברית מילה ווערט געגעבן אין אונזער סדרה. אין 2012 האט די אמעריקאנער אקאדעמיע פון קינדער־דאקטוירים געטוישט איר שטעלונג.

פון **יידל** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „גרופע דאקטורים גייען אנאנסירן: ברית מילה האט געזונט בענעפיטן“ • 20סטן און 27סטן אויגוסט 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1561.html

**יידל** • 20סטן אויגוסט 2012

די אמעריקאנע אקאדעמיע פון פידיעטרישאנס האט געמאלדן אז קומענדיגע וואך מאנטאג, אוגוסט 27 גייען זיי אנאנסירן א טויש פון פאליסי איבער ברית מילה. די אמעריקאנע אקאדעמיע פון פידיעטרישאנס איז א גאר וויכטיגע גרופע פון דאקטוירים און זייער ווארט טראגט גרויס געוויכט אין די מעדעצינישע וועלט. די פאליסי פון די אא"פ איבער ברית מילה איז זינט 1995 געווען אז כאטש ברית מילה האט מילדע געזונט בענעפיטן, זענען די ראיות נישט גענוג שטארק צו רעקאמאנדירן פאר די עלטערן דורכצופירן ברית מילה אויף זייערע קינדער אין ליכט פונעם פאקט אז עס קען זיך צומאל מאכן קאמפליקאציעס וועלכע קענען לייגן דעם קינד אין א סכנה. די פאליסי האטווארשיינליך געפירט צו דעם אז מעדיקעל אינשורענס קאמפעניס האבן כמעט קיינמאל געצאלט פאר מילה, און אזוי אויך צאלט נישט מעדיקעיד און 18 סטעיטס פאר א ברית מילה. (נאך דער טויש אין פאליסי וועלן אפשר מוהלים קענען אנהייבן טשארדזשן געלט פון מעדיקעיד, ווער ווייסט...) עס האט אויך גורם געווען אז די ראטע פון מענטשן אין אמעריקע וועלכע מל'ן זייערע קינדער האלט אין איין פאלן.

אין די אנאנסירונג קומענדיגע וואך גייט אא"פ מעלדן זייער טויש אין פאליסי. עס איז נאך נישט באקאנט וואס פונקטליך דער טויש פון פאליסי גייט זיין, אבער דאס איז זיכער אז עס גייט זיין א פאזיטיווער טויש, אין ליכט פון די לעצטיגע שטודיעס וואס ווייזן אז ברית מילה העלפט רעדוצירן די ריזיקע פון באקומען HIV ביי 60 פראצענט און פון באקומען HPV ביי 50 פראצענט. ווי עס שיינט גייט מען נאך אלץ נישט רעקאמאנדירן ברית מילה, אבער מען גייט באשטעטיגן אז די בענעפיטן פון מילה וועגן איבער די ריזיקעס און אז עס איז א פאזיטיווע זאך פון א מעדעצינישן שטאנדפונקט.

(לויט א באריכט אין דער „וואשינגטאן פאוסט“.)

**יידל** • 27סטן אויגוסט 2012

דאס איז נאר די רעפארט פון וואס איז נייעס. די נייע אפיציעלע פאליסי־פאפיר פון דער אמעריקאנער אקאדעמיע פון פידיעטרישאנס איז שוין ארויס.

די נייע פאליסי שרייבט אז די געזונט בענעפיטן וועגן איבער די ריזיקעס, אבער נישט גענוג עס צו רעקאמאנדירן פאר עלטערן, נאר ענדערש לאזן עלטערן אליין מחליט זיין.

אינעם עבסטרעקט שרייבן זיי: „כאטשיג געזונט בענעפיטן זענען נישט גענוג מ'זאל רעקאמאנדירן רוטינע מילה פאר אלע נייע געבוירענע זכרים, זענען די בענעפיטן פון מילה גענוג צו ערמעגליכן צוטריט צו דעם פראצעדור פאר עלטערן וואס ווילן דאס טון פאר זייערע קינדער און אז מעדעצינישע אינשורענס זאל צאלן דערפאר.“

אויב וועלן די אינשורענס קאמפעניס און מעדיקעיד אננעמען די רעקאמענדאציע, דאן וועלן אונזערע מוהלים קענען אנהייבן רייסן געלט פון מעדיקעיד. (דא וועט מען שוין נישט הערן די טענה אז מ'טאר נישט ערלויבן די רעגירונג זיך ארייננצומישן אין שמירת המצוות...)

**אנשי שם • צום יארצייט, ט"ו חשון**

# חזיתי איש — רבי אברהם ישעיה קארעליץ

דער חזון איש איז געבוירן געווארן י"א חשון און נפטר געווארן ט"ו חשון. „רימון“ האט אים געשריבן צום יארצייט.

פון **רימון** • אויסגעקליבן און מגיה געווען • דער ערשטער טייל פון א סעריע

קאוועשטיבל • אנשי שם • „חזיתי איש - רבי אברהם ישעי' קארעליץ“ • 28סטן אקטאבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9754.html

היינט, ט"ו חשון, געפאלט די יארצייט פון גרויסן גאון הדורות ורבן של ישראל, מרנא ורבנא רבי אברהם ישעיהו קארעליץ זי"ע זצ"ל, בעל חזון איש, קובץ אגרות, וס' אמונה ובטחון; דער סאמע אנערקענסטער גדול בתורה פון די לעצטע צייטן, דער פארפאסער פון טיפזינגע ספרים בכל מכמני תורה, אפילו אין מקצועות וואס לא דשו בו רבים, מיט אן אייגנארטיגן שפראך און סגנון, מדויק ומדקדוק מזוקק שבעתיים. ווער עס בליקט נאר אריין אין די בריוון ווערט איבערגענומען מיט רגשי געגועים וכיסופים פון אהבת התורה, ממש אן עשירות פון אהבת התורה, אן עזה כמות אהבה לתורה ולעמלי'. יעדעס בלעטל פלאמט, יעדעס שורה פלאקערט: „המו מעי בהמיית אהבה.“

רוב פון זיינע טעג איז זיין נאמען געווען אומבאקאנט, אפגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט, וכמעט שלא נודע אי"ש. געזעסן איז ער אין זיינע ד' אמות של הלכה סגור ומסוגר מהבלי עולם הזה ופגעי הזמן, און מוסיף געווען עמל על עמלו. טאג נאך טאג, יאר נאך יאר, און אזוי באוויזן צו מברר געווען די עקולי ופשורי פון תורה שבעל פה אויף א שטייגער וואס מ'האט שוין נישט געזען דורות לאנג.

די עניגמאטיע וואס נעמט ארום דעם חזון איש איז שטוינענד. פון איין זייט איז ער געווען דער פעלזן פעסטער כאראקטער, א תקיפות הדעת כאיתן חלמיש, אן עקשנות'דיגער און קאמפראמיסלאזער מנהיג מיט א דעת צלולה, און א מענטש מיט א גדלי'שן מח און א גדלי'שן הארץ. פון דער אנדערער זייט איז ער געווען באהאלטן און פארשלייערט, דערשראקן און שעמעוודיג, שוויגעדיג און אפגעזונדערט, איינגעטינקען אין אן עולם ומלואו פון עמל התורה, פארטון אין זיין אייגן וועלטל פון תענוגים ווי ער שרייבט אין א בריוו: „גדולי תורה המה בעונג שעשועים כל היום“.

גאר באקאנט איז דער הספד פון רבי איסר זלמן זי"ע, אז דער הייליגער תנא רבי מאיר זאגט עדות אז דער חזו"א האט געלערנט תורה לשמה. ביי אים האט מען באשיינפערליך געזען דעם „זוכה לדברים הרבה“. כאטש ער האט נישט געטראגן מיט זיך קיין שום שטעלע, קיין שום פינקציע, קיין שום אפיציעלקייט, האט אים כלל ישראל געקרוינט אלס א מנהיג ישראל, ואי"ש על העדה.

מים עמוקים ידלם אי"ש תבונה. שווער צו באשרייבן זאכן וואס מיר אליין האבן אזא קליינע השגה. אזא גרויסער נפש, אזא טיפער נפש, אזא ברייטע קאלירפולע נשמת שד-י תבונם. א מעיין המתגבר, אזא לב טוב, און אזויפיל געפיל פאר יעדן איד. פון א יונגן בחור, א קריגס געליטענער, ביז א פרייען תינוק שנשבה, אלע האבן געטראפן אן אפן הארץ און אויער ביי דעם זעלבן אדרעס, די האלב איינגעפאלענע הייזקע אין בני ברק. קיין גבאי איז קיינמאל נישט געשטאנען און פיר און צוואנציג שעה אין טאג איז געווען קבלת קהל. אלע זענען ענטפאנגען געווארן מיט די זעלבע סימפאטישע אויגן און שוויגנדע שמייכל פון דעם אלטן איד וואס פארשטייט זייער פיין און ליידן.

דער בלאסער פאפיר קריגט ממש לעבן און דאס טינט טאנצט פון בלעטל ביים באגעגענען דעם גאלדענעם שפראך אין קובץ אגרות. פאעזיע און פארבארגענע הרגשים פון א לב מלא רחום וחנון ווערן דארט אויסגעגאסן און די זעלבע ליבשאפט ווערט אנטפלעקט פאר דער וואס קריגט מיט אים ווי דער וואס שטייט בדעה אחת.

קורצע אבער לאנגע 76 יאר האט דער חזון איש געלעבט אויף דער וועלט. מיר טרעפן זיינע טעג און נעכט ציטירט אין זיינע ספרים. דער ספר חזון איש איז אין טייל א פערזענליכע דייערי, די געשיכטע פון דעם מענטש. נאך א חידוש און נאך א חידוש. דאס איז זיין ביאגראפיע און מיט דעם האט ער זיך באפאסט און אפגעגעבן די מערהייט פון זיינע טעג און נעכט עלי אדמות. דאס, די חידושי תורה, זענען זיינע יארן, דאס איז זיין געשיכטע.

צומאל טרעפט מען פארשריבן און פארצייכנט דעם פונקטליכן דאטום און דער צושטאנד אונטער וועלכן דער ספעציפישער חידוש איז געשריבן געווארן: ערב שבת שנת תרע"ט אין דער שטאט סטופצי, און מ'לערנט יעצט הל' מוקצה (או"ח סי' מ"ד); אמאל איז יעצט ערב יו"ט (ערב חג השבועות שנת תרס"ח, יו"ד סי' ס"ו) און אמאל איז עס אסרו חג (אסרו חג שבועות תרפ"ז,

מקוואות) אבער והוא באחת, אלעמאל מיט דעם זעלבן עמל און יגיעה.

גאר באקאנט איז וואס ער שרייבט אין מס' כלאים אנהויב סי' ז':
בע"ה יום ט"ו תמוז העת"ר [שנת מלחמה על פני כל הארץ אשר עשו ממלכת אוסטריא אשכנז את ממלכת רוסיא אנגליא צרפת וחרבו עירות ונהרסו מדינות במושב בני ישראל ורבבות מבני ישראל גלו בלי משען ומשענה, ונערי בני יהודה נפלו חללים על שדה קרב מז ומזה, ומעטו בתי מדרש לתורה באין תומך ומחזיק והמהומה רבה בקרב כל ישראל] סטופצי [שנשרפה כמעט כל העיר ביום כ"ה סיון וכל יושביה בלחץ ובדחק באין בית לגור ואין מקום ללון.

אין לייכטע איבערזעצונג: עס איז היינט ט"ו תמוז התר"ע, [א יאר פון מלחמה איבער דער גאנצער וועלט, דורך די אויסטריער און דייטשישע רעגירונגען אקעגן די רעגירונגען פון רוסלאנד ענגלאנד און פראנקרייך, זיי האבן חרוב געמאכט שטעט און אויסגעריסן לענדער וואס זענען באוואוינט מיט אידישע קינדער. צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער זענען פארטריבן אן קיין שום הילף. יונגע אידישע קינדער זענען געפאלן גע'הרג'עט אין די שלאכטן פון ביידע זייטן. עס איז פארמינערט געווארן די בתי מדרשים פאר תורה ווייל ס'איז נישטא ווער ס'זאל דאס שטיצן, און די מהומה איז גרויס ביי אידישע קינדער] אין שטאט סטופצי [וואס כמעט די גאנצע שטאט איז פארברענט געווארן ביום ב' כ"ה סיון און אלע אירע איינוואוינער זענען געדרוקט אן קיין שטובן וואו צו וואוינען און אן קיין פלאץ צו נעכטיגן].
און דאס טוט נאכפאלגן א לענגערע פלפול איבער דין טומאת המת אויסגעשפרייט אויף 38 סעיפים!

די שווערסטע מקצועות התורה, במקום שאין אי"ש, השתדל להיות אי"ש. די פארפלאטערסטע סוגיות וואס כמעט לא דרך כף רגל אדם, מסכתות וואס אפילו די ראשונים האבן נישט אויסגעקנעטן, האט ער אויסגעטרעטן דעם וועג. ווי דער חזון איש האט עדות געזאגט אויף זיך זעלבסט האט ער 25 יאר פון זיין לעבן אוועקגעגעבן פאר סדר טהרות, וואס איז אפילו נישט נוגע בזמנינו.

ווי באקאנט איז דער חזון איש „דער רבי" אין הלכות עירובין. זיינע חידושים דארט זענען אזוי היקף'דיג טיף אז אין עירובין איז נישטא אפילו בדומה לו. ער האט זיך געמוטשעט דערויף ביז מסירת נפש אז עס האט אים געקאסט דאס געזונט. אין א בריוו אין קובץ אגרות טוט ער דאס אליין דאקומענטירן אז ער קען מער נישט לערנען מפני חולשת העצבים און ער מוז אפרוען דעם מח.

עס זענען דא עטליכע ספרים וואס באשרייבן דעם לעבן און שאפן פון דעם אי"ש אלקים: די ערשטע אין דער רייע איז געשריבן געווארן אויף דער אידישער שפראך דורכ'ן ערשטן מעיאר פון בני ברק און געפינט זיך אויף היברו בוקס. שפעטער איז ארויסגעקומען עטליכע בענדער 'פאר הדור'; דאס מערסט באקאנטע 'מעשה איש' דורך הרב יברב פון בני ברק, 'החווה מליטא' דורך א פלימעניק פון חזון איש.
חיים גראדע ווידמעט אויך אייניגע פרקים אין זיין ראמאנס-פיקציע „דער ישיבה מאן – צמח אטלס" אפצומאלן דעם חזון איש; הרב רפאל הלפרין האט אויך ארויסגעגעבן א בוך אונטערן נאמען „במחיצת", אויך אין זיין לעצטע ספר „בדרכי הקב"ה" ברענגט ער טייל פון בריוון - ארום 15 אין צאל - וואס דער חזון איש האט אים אנגעשריבן. גאנץ לעצטנס איז ארויסגעקומען א דיקן אקאדעמישן בוך מיט'ן נאמען „החזון איש" פון בני בראון.
דער חזון איש איז געבוירן געווארן י"א חשון שנת תרל"ט צו זיין פאטער רבי שמריהו יוסף קארעליץ זצ"ל אבד"ק קאסאווע, און מחבר ספר בית תלמוד, א ליקוט פון גמרות מס' חולין וואס דער רי"ף האט אויסגעלאזט. זיין פאטער איז געווען א גרויסער יראת שמים און תלמיד חכם. לעצטנס איז געדרוקט געווארן עטליכע שיינע בריוון פון אים אין „גנזים ושו"ת חזון איש" ארויסגעגעבן דורך משפחת קארעליץ.

איינצלנע שטיקלעך תורה פון ר' שמרי' יוסף ווערט געברענגט אין ספר חזון איש, א ביישפיל סוף מסכת שבת, או"ח סי' ס"ג, איז א קלענערער סימן געווידמעט פאר עטליכע הערות פון זיין פאטער. אין קו' השיעורין סי' ל"ט ברענגט ער פון זיין פאטער דעם דעטאל פון שיעור. אין הל' תפילין ברענגט ער א געוויסן חידוש פון זיין פאטער וואס ווערט איבערגע'חזר'ט אין מנחות. אויך אין חושן משפט ברענגט ער א חידוש פון זיין פאטער בשם הג"ר אלעזר משה הורוויץ בנוגע קנינים.
דער פאטער איז נסתלק געווארן כ"א אייר שנת תרע"ז ווען דער חזון איש איז אלט געווען 38 יאר. דער חזו"א דערמאנט די פטירה פון זיין פאטער אין ספר מיט די ווערטער: תרע"ז כ"א אייר ביום זה נלקח נשמת אאמו"ר השמימה הגיעני השמועה ביום א' ערר"ה שנת הנ"ל.

לפי עדותו פון הרב רפאל הלפרין איז די ערשטע געשריבענע ווערק פונעם חזון איש א וואונדערליכע שטיקל געשריבן אין בלויזן עלטער פון 11 יאר און איז געדרוקט אין קובץ אגרות.
דער חזו"א האט זיך זייער געמוטשעט פאר א שידוך און ווי ער שרייבט אין א בריוו האט ער זעלבסט נישט געזוכט קיין געלט אדער כבוד נאר א פרוי וואס זאל אים ערמעגליכן צו זיצן און לערנען. ער האט למעשה חתונה געהאט אין עלטער פון 27 יאר.

דער חזון איש איז געווען איינס פון עטליכע געשוויסטער. א טייל פון זיי זענען גע'הרג'ט געווארן ביים קריג הי"ד. דער באקאנטסטער איז זיין עלטערער ברודער רבי מאיר קארעליץ, א גרויסער ת"ח ואיש הציבור, וועלכער האט געדינט אלס רב אין

לעכאוויטש בעפאר'ן קריג.
אינדערהיים פלעגט מען רופן דעם חזון איש „רבי מאיר'ס ברודער" און אין ארץ ישראל האט מען גערופען ר' מאיר „דעם חזון איש'ס ברודער..." ר' מאיר האט געלעבט לענגער פונעם חזון איש. ביי זיין הספד ביי דער לוי' האט ער אנטדעקט דעם שטוינענדן אנעקדאט, אז זיין ברודער האט געמאכט א נדר דעם טאג פון זיין בר מצוה צו לערנען נאר „תורה לשמה", א נדר וואס ער האט פארפולקאמט ביז צו זיין לעצטן אטעם.

## א בריוו פון חזון איש

„געוואלדיג" האט אין דעם זעלבן אשכול ארויפגעלייגט א בריוו פון קובץ אגרות (חלק ג'), „וואס ברענגט ארויס שטארק ווער ער איז געווען":

חברים יקרים יחיו
שלו' וברכה מרובה בכל משלוח ידכם

מתכבד אני להודיעכם כי אני חוזר בי מהיתר לקיטת השקדים, כי אי אפשר להתיר הדבר, ומצבכם הקשה הנוגע אל לבי השחידני להתיר, אבל אני מתאכזר לומר הדבר כמו שהוא, שצריך להתאמץ ולעמוד גם בנסיון הזה ולפרוש מעבודה זו, והמקום ב"ה יברך אתכם ויעודד אתכם לחיים טובים ולשמור התורה ככל חוקותיה ומצוותיה,
הדו"ש
אי"ש
א' ג' מנ"א צ"ח בני ברק

געוואלדיג • קאווע שטיבל • 28סטן אקטאבער 2015

לוח • נייער קאלום

# יארצייטן פון דער וואך

י"א–י"ז חשון. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף היידפארק אין תשס"ד (2003), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי היי־יאר. י"ד חשון איז נישט געווען אין דער רשימה.

פון **פרזניק10 (נערך באדיבות כינר1)**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא" • 2טן און 9טן נאוועמבער 2003
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html

---

### דאנערשטאג, י"א חשון • 22סטן אקטאבער

- מתושלח בן חנוך • א' תרנ"ו
- רחל אמנו ע"ה • ב' אלפים ר"ח
- בנימין בן יעקב ז"ע משבטי י-ה • ב' אלפים שכ"ב
- הרה"ק ר' מנחם נחום מטשערנוביל ב"ר צבי ז"ע (בעמח"ס מאור עינים) • תקנ"ח
- הרה"ק ר' אברהם ב"ר יצחק מתתיהו מסלונים ז"ע (בעמח"ס יסוד העבודה) • תרמ"ד
- הגאון ר' יהודה לייב ב"ר רפאל חסמן זצ"ל ראש ישיבת סלבודקה - חברון • תרצ"ו

### פרייטאג, י"ב חשון • 23סטן אקטאבער

- הרה"ק ר' זאב וואלף קיצעס ז"ע (תלמיד הבעש"ט) • תקמ"ח
- הרה"ק ר' משה משינאווא ב"ר יחזקאל שרגא ז"ע • תר"פ
- הגאון ר' נחום משאדיק זצ"ל • תרכ"ו
- הגאון ר' אהרן ב"ר יצחק זינגר ממטרסדורף זצ"ל (בעמח"ס תפארת אהרן) • תרכ"ט
- הגאון ר' יהודה יהושע ב"ר שאול צדקה זצ"ל ראש ישיבת פורת יוסף ירושלים • תשנ"ב

### שבת קודש פרשת לך לך, י"ג חשון • 24סטן אקטאבער

- הרה"ק ר' ברוך ב"ר אברהם מקאסוב ז"ע (בעמח"ס יסוד האמונה ועמוד העבודה) • תקמ"ג
- הרה"ק ר' אברהם אלימלך ב"ר ישראל פרלוב הי"ד ז"ע • תש"ג

### מאנטאג, ט"ו חשון • 26סטן אקטאבער

- מתתיהו בן יוחנן כהן גדול • ג"א תקצ"ו
- הרה"ק ר' צבי הירש הורוויץ מטשורטקוב ב"ר מאיר (אבי הר"ר שמעלקא וההפלאה) ז"ע • תקי"ד
- הגאון ר' אלעזר קאליר זצ"ל אבד"ק קלן (בעמח"ס אור חדש) • תקס"ב
- הרה"ק ר' לייב בעל היסורים מחברון ז"ע (מנו"כ בצפת - תלמיד בעל התניא) • תקצ"ז
- הרה"ק ר' שמואל פרענקל אב"ד דאראג ב"ר שרגא פייביש ז"ע (בעמח"ס אמרי שפר) • תרמ"ב
- הגאון ר' אברהם ישעיה ב"ר שמריהו יוסף קרליץ זצ"ל (בעמח"ס חזון איש) • תשי"ד
- הרה"ק ר' שלמה ב"ר נחום מרדכי מטשורטקוב ז"ע (בעמח"ס דברי שלמה) • תשי"ט

### דינסטאג, ט"ז חשון • 27סטן אקטאבער

- הרה"ק ר' עמרם חסידא ב"ר משה נחום ז"ע • תקצ"ז
- הגאון רבי ראובן כץ זצ"ל ראב"ד פתח תקוה (בעמח"ס דגל ראובן)
- הגאון ר' אלעזר מנחם מן שך זצ"ל ראש ישיבת פונוביז (בעמח"ס אבי עזרי) • תשס"ב

### מיטוואך, י"ז חשון • 28סטן אקטאבער

- הרה"ק ר' מנחם מנדל מקאסוב ב"ר יעקב קאפיל ז"ע (בעמח"ס אהבת שלום) • תקפ"ו
- הרה"ק ר' יהושע ב"ר שלום מקאמינקא ז"ע • תרס"ד
- הרה"ק ר' משולם זוסיא ב"ר חיים יצחק מטשערנוביל בני ברק ז"ע • תשמ"ח

**הומאר**

# העלפט ארויס די תנ"ך העלדן: א בריוו פון לוט

אין 2017 האט „חקרן" געעפנט אן עצות־ווינקל פאר די העלדן פון תנ"ך. די וואך קומט אן א בריוו פון לוט בן הרן – און דער עצה־געבער ענטפערט.

פון **חקרן** • אויסגעקליבן און מגיה געווען [פארקירצט]

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „העלפט ארויס די תנ"ך העלדן!!!" • 22סטן–23סטן אקטאבער 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11914.html

**דער בריוו • לוט (דורך חקרן) • 22סטן אקטאבער 2017**

פרידן צו דיר, כבוד מר. חקרן פון די תנ"ך העלדן!

זעענדיג פאריגע וואך ווי אזוי דו האסט ארויסגעהאלפן מר. נח בן למך, און די גראדע וועג ווי אזוי דו האסט אים געענטפערט, האב איך באשלאסן זיך צו ווענדן צו אייך מיט מיין דיעלעמע, אפשר וועט איר מיר קענען ראטן און געבן פאסיגע עצות ווי אזוי אומצוגיין אין די דאזיגע תקופה.

מיט עטליכע יאר צוריק, האט זיך מיין פעטער זז"ג ארויסגעלאזט פון חרן, אינאיינעם מיט זיין ווייב און זיינע קנעכט און פארמעגן, זינט דאן האט ער אנגעהויבן א לעבן פון וואנדערנישן און ארומפארן. וויבאלד דער פעטער איז ליידער קינדערלאז, און מיר דאווענען יעדן טאג אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער (לאל - אפשר דורך א נס... ער איז שוין אריבער די יארן, וד"ל), און דארפנדיג אז איינער זאל אים שטיין צו הילף - פירן זיינע געשעפטן און זיך זארגן פאר זיין וואוילזיין - האט ער מיר מיטגענומען אלס באגלייטער אז איך זאל אים שטיין צו הילף מיט וואס אימער עס איז שייך.

אזוי ארומפארנדיג אין די שטעט, האט דער פעטער באוויזן דורכצופירן עטליכע קאנטראווערסיאלע געשעפטן, פון וואס זיין פארמעגן האט זיך פארמערט און ער איז שטארק רייך געווארן דערפון. עס דארף ארויסגעברענגט ווערן אז איך האב אויך נישט קיין קליינער האנט דערין, און זעענדיג דער רעכטער האנט פונעם פעטער האב איך אים שטענדיג געהאלפן מיט ראט און עצות ווי אזוי דורכצופירן די געשעפטן. [פארקירצט]

מיט די צייט האט זיך געשאפן א מצב, ווי דער פעטער פארמאגט א גאנצער מלוכה פון קנעכט און פאסטעכער, וועלכע זענען אים געטריי און לאיאל, און איך - טראצדעם וואס איך בין דער רעכטער האנט פון דעם פעטער און איך באדין אים געטריי - פארמאג איך אויך א גאנצע מלוכה מיט קנעכט, ארבעטער און פאסטעכער. עס דארף אבער ארויסגעברענגט ווערן, אז וויבאלד דער פעטער האט נישט קיין קינדער, איז נאטורליך אז דאס גאנצע פארמעגן וועט עווענטועל אנקומען צו מיר, דעמאלס וועל איך לעבן ווי א פריץ - איך וועל פארמאגן סיי מיין אייגענע פארמעגן און נאכדערצו וועל איך ירש'ענען דעם פעטער'ס פארמעגן - מיין רייכטום וועט זיין אומשאצבאר און דער הימל וועט זיין דער גרעניץ.

דער עתיד פון דעם פעטער'ס פארמעגן איז נישט קיין סוד, יעדער איינער ווייסט וואס עס גייט פאסירן. דער פעטער איז שוין נישט קיין יונגער מענטש און די קנעכט פון דעם פעטער ווייסן דאס. דער גאנצער מצב ברענגט אן אומאיינגענעמע סיטואציע צווישן אונז צוויי, מיינע קנעכט וואס סודות'ן זיך אפן און רעדן דערפון שטילערהייט. און אפילו די קנעכט פונעם פעטער שאפן שטילע קשרים און זענען לאיאל צו מיר און מיין פארמעגן אונטערן טיש. טייל קנעכט פונעם פעטער קענען דאס נישט פארגינען, זיי בייסן זיך די ליפן און קוקן מיט א קרומען אויג אויף מיר און אויף מיינע קנעכט.

דערווייל שטיי איך און איך באדין דעם פעטער געטריי, איך פראביר נישט ארויסצואווייזן וואס עס טוט זיך ביי מיר אין הארץ, און איך גיי בתמימות - דער פעטער איז נאך דא מיט אונז לאויוש"ט און איך בין זיין רעכטע האנט, איך באדין אים אן קיין חשבונות און איך טו דאס וואס איך דארף טון בנאמנות. דעקעגן צווישן אונזערע קנעכט, טוט זיך א רייבעריי. דעם פעטער'ס קנעכט קוקן נישט דערויף מיט א גוט אויג, טייל פראבירן צו לייגן שטיקלעך דא און דארט, אנדערע קופקען זיך סתם אזוי דערוועגן, און מיינע קנעכט שטעקן אויך נישט איין די הענט אין די פאנטאפל, זיי נעמען זיך אן און גרייטן אן דעם באדן פאר א גרויסע מלוכה.

מיין שאלה איז: וואס דארף איך טון אין דעם פאל? - זאל איך בלייבן זיצן ביים פעטער און אויסווארטן די שווערע יארן, עד

יעבור זעם? - אויב איך זאל אזוי טון, איז פאראן א מעגליכקייט אז די געדולד פונעם פעטער וועט פלאצן, אדער אז אנדערע קנעכט וועלן אים אונטעררייצן אז ער זאל מיר אויסשליסן פון די ירושה, און דעמאלס וועל איך אלעס פארלירן?

וואס איז די ריכטיגע שריט וואס איך האב צו טון אין דעם פאל?

ביטע ענטפערט מיר וואס פריער, ווייל דער מצב איז דרינגענד.

לוט בן הרן

לוט

**דער ענטפער • חקרן • 30סטן אקטאבער 2017**

דיין שאלה איז א פארצוויגטער און קאמפלעצירטער און בכלל נישט לייכט צו ענטפערן. ווער רעדט נאך אז מיר נעמען אין באטראכט די פריוואטע נגיעות און פילינגס וואס קומען אינאיינעם מיט די סיטואציע, בשעת פון איין זייט גריצלט די געלט פאר די אויגן און לאזט נישט טראכטן גראד, און פון די צווייטע זייט איז פאראן פאמיליע פילינגס, וויבאלד דו האסט פארט הכרת הטוב פאר דיין פעטער און דו ווילסט אויך נישט אז ער זאל איבערבלייבן אויף די עלטערע יארן אן זיין בלוט קרוב וואס זאל זיך געפינען נעבן אים. דו ווילסט אויך נישט זיין צוקריגט מיט אים און וואס אימער דו זאלסט נאר טון קען עס גורם זיין קאמפליקאציעס אין אייערע באציאונגען.

זייענדיג א דרויסנדיגער און באטראכטנדיג דער סיטואציע פונדרויסן, איז מיר ענדערש מעגליך צו זען דעם גאנצן בילד אן קיין נגיעות. דעריבער שפיר איך, אז איך קען אייך אויסקלארן דעם בילד, אראפלייגן די צדדים מיט א קלארקייט און אזוי ארום ארויסקומען מיט א פאסיגן ענטפער, ווי אזוי זיך אומצוגיין אין דער דאזיגער מצב וואו איר געפינט זיך אצינד.

פאלגענד זענען אייערע אפציעס וואס איר קענט טון אצינד:
א. זיך אויפצוהייבן, אינאיינעם מיט אייערע קנעכט, דינסט און פארמעגן, זיך אוועקציען אין אן אנדערן ראיאן, און אנהייבן אייער לעבן פון פריש, זיך בויענדיג אליין אן אימפעריע מיט די פארמעגן וואס איר האט אצינד.
ב. דורכשוויצן די שווערע יארן אין שאטן פון אייער פעטער, האפן אויף דאס בעסטע און זיך רישן אויף דאס ערגסטע, און עווענטועל איבערנעמען א וועלטס אימפעריע וואס פארמאגט נישט איר'ס גלייכן.

אצינד לאמיר באטראכטן דיביידע אפציעס מיט אן אביעקטיווער בליק, און זען וואס איר קענט פארלירן און דערלייגן פון יעדע איינע פון די אפציעס:

אפציע א:
דאס איז אן אפציע פון וואס איר קענט נישט צופיל דערלייגן: א ווייב, האט איר; קינדער, האט איר; קנעכט, האט איר; דינסטן, האט איר; פארמעגן, האט איר; נאכפאלגער, האט איר. בעצם פעלט אייך גארנישט, איר קענט רואיגערהייט אנהייבן און עפענען אן אייגענעם אימפעריע. אייער פעטער אברהם האט אנגעהויבן מיט פיל ווייניגער פון וואס איר פארמאגט אצינד און ער האט זיך אויפגעבויט צו א פעסטע אימפעריע, איר וועט דאס זעלבע קענען טון.

אייער פראבלעם הויבט זיך אן ווען איר קוקט אויף אפציע ב. און איר באטראכט די בענעפיטן וואס איר קענט דארט פארדינען. אויב איר וועט טאקע אננעמען אפציע א. און זיך אוועקריקן פון אייער פעטער, וועט אייך שטענדיג נאגן אויף וואס איר האט אזוי שנעל מוותר געווען אויף אזא מעכטיגע געלעגנהייט און אויף אזא פעטע ירושה. איר וועט זיך שפירן ווי א חווק און א נאר פארן אויפגעבן דערויף אזוי שנעל. און דאס מאכט אייך קוקן און באטראכטן דעם אפציע ב. לאמיר טאקע זען וואס דער אפציע האט אייך צו אפפערן.

אפציע ב:
דאס איז אן אפציע, וואס אויב שוויצט איר עס דורך און איר באוויזט אנצוקומען אויפן שפיץ פון טראן, דאן זענט איר א מלך – דער הימל איז דער גרעניץ. איר וועט אראפגיין אין די היסטאריע אלס א הייליגער און מען וועט אייך דערמאנען צום הייליגן אויף אלע מקומות. איר וועט באטראכט ווערן אלס דער נאכפאלגער פון אייער פעטער אברהם מיט א קוועטש פון אייגענע הייליגקייט. [פארקירצט]

דאס איז שוין אויסער דעם ריזיגן פארמעגן וואס איר וועט באזיצן און אויסער דעם גאנצן לאנד ישראל וואס וועט געהערן פאר אייערע קינדער און אייניקלעך, און אויסער דעם פאקט אז אייערע אייניקלעך וועלן הייסן דעם „אויסדערוועלטן פאלק" פון אלע פעלקער... ווער וועט זיך קענען מיט אייך פארגלייכן?

קען מען טאקע דאס אזוי שנעל אויפגעבן? – מעג מען טאקע אזוי שנעל מוותר זיין דערויף?

דער אמת איז אז נישט. אבער לאמיר קוקן מיט אן אביעקטיווער אויג דערויף - וויפיל שאנסן זענען פאראן אז איר זאלט ווירקליך אנקומען ביז אהין?

[פארקירצט]

ממילא פרעג איך אייך: וואס לוינט זיך עס אייך, וואס דארפט איר עס האבן?!

איר דארפט דאס נישט און איר ווילט דאס נישט!

דעריבער איז מיין ראט, הויבט אייך אויף, בויט אייך אויף אן אייגענע דינאסטיע. איר קענט נישט צופיל דערלייגן דערפון, איר פארמאגט אלע קוואלעפיקאציעס דערויף, מיט א שלל פון נאכפאלגער אנצוהויבן. איך וואלט געזאגט אז איר זאלט גיין קיין סדום! – דארט זאלט איר גיין! – דארט וועט איר קענען האקן א לעבן, און מיט א באנעס דערצו, אז איר וועט גאר הייסן „דער צדיק פון סדום“! – דאס איז ממש א לאטעריע פאר אייך, וואוינען אין סדום און נאך זיין דער צדיק – ווי אזוי געפעלט אייך דאס?

אלס לויער קען איך נאך אויסארבעטן א שטיקל הסכם מיט אייער פעטער'ס שטוב, אז אלס אפטריט געלט טאר מען אייך קיינמאל נישט אטאקירן, נישט אייך און נישט די לענדער פון די אייניקלעך. מען וועט דאס געהעריג דאקיומענטירן און דאס וועט אריינגיין אין די געשיכטע און היסטאריע. איר וועט פאררופן ווערן אלס דער צדיק און ערליכער וואס האט אפגעטרעטן, אייער פעטער וועט זיך שפירן שולדיג פאר אייך און ווען אימער איר וועט זיין אין געפאר, וועט ער אייך שטיין צו הילף. ער מיט זיינע מענטשן וועלן זיך הרג'ענען פאר אייך און פירן בלוטיגע מלחמות פאר אייער וואוילזיין.

דאס אלעס קען איך אויסארבעטן אלס חלק פון אן אפמאך צווישן אייך.

מיין ראט איז, לאזט אייך אפ פון די כלומר'שטע געלט און כבוד וואס איר קענט באקומען, ווייל עס איז פאראן שוואכע שאנסן אז איר וועט בכלל אנקומען אהין, און אפילו טאמער יא, איז כמעט נישטא קיין שאנסן אז איר זאלט עס דורכמאכן רואיגערהייט און זוכה זיין צו זיצן אל המנוחה ואל הנחלה. ענדערש בויט אייך אליין אויף, גייט ארויס פון דעם געפעכט מיט כבוד און שטאלץ, גייט איין אויף א שלום אפמאך מיט אייער פעטער, און לעבט אייך גוט צוזאמען.

מיט האפענונג אז איר האט מיר פארשטאנען.

מר. חקרן

יועץ און עצה געבער פאר די תנ"ך העלדן

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 22סטן אקטאבער, אין פריערדיגע יארן?

**14**
יאר צוריק
2012

## זמני שבת וראש השנה אויפן מארס

**מורינו הרב** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 22סטן אקטאבער 2012

איך וויל דא דורכטון צוזאמען מיט דעם ציבור דא א וויכטיגן נושא:

ווי פיל מענטשן שפעקולירן, וועט נאך קומען א צייט וואס בני אדם וועלן האבן די זכיה צו באטרעטן דעם מארס פלאנעט און זיך דארט באזעצן, פירנדיג א געהעריג לעבן. מיר אלס אידן דארפן אין באטראכט נעמען דאס אידישע לעבן וואס וועט געגרינדעט ווערן אויפן מארס, און זען וואס עס מיינט פאר אונז אידישע קינדער.

אלזא לאמיר זיך נעמען צו די ארבעט:
ווען איז דער זמן רבינו תם אויפן מארס? ווי אזוי מעסט מען עס?
וואס טוט זיך מיט ראשי חדשים, וויבאלד דארט גייען די גלגלות אויף אן אנדערן סיסטעם ווי אויף אונזער וועלט. צו וועט מען זאגן אז מיר וועלן האלטן א באזונדערן חשבון, ווען ביי אונז וועט מען זאגן הלל און זינגען בצאת ישראל, וועט מען דארט גאר פאסטן תשעה באב? אדער וועט מען האלטן לויט די זמנים פון עלמא הדין?
דאס זעלבע מיט ראש-השנה: ווי אזוי מעסט מען דעם ראש השנה? - דאס יאר אויפן מארס לויפט אנדערש ווי אויף אונזער פלאנעטל. וועט מען דארט פראווען אן אנדערן טאג ראש-השנה? איז אפשר מעגליך אז אויף איין ראש השנה וועט מען זיך געפינען ביים אדמו"ר פון מארס, און אויף דעם אנדערן ראש-השנה וועט מען פארן קיין אומאן, וירא שמים יוצא את שניהם?

[פארקירצט]

ענטפערס ביטע...

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2171.html

**14**
יאר צוריק
2012

## א מורא'דיגער בריוו פון ר' יצחק הוטנער

**outspoken** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 22סטן אקטאבער 2012

דער שרייבער מיטן ניק outspoken האט ארויפגעלייגט א בריוו פון „פחד יצחק – אגרות ומכתבים“ צו א בחור וואס האט געשריבן אז ער האט שוין פארלוירן די האפענונג. א קורצער אויסצוג:

אבל דע לך, חביבי, ששורש נשמתך הוא לא השלוה של היצר הטוב, אלא דווקא מלחמתו של היצר הטוב. [...]

החכם מכל אדם אומר „שבע יפול צדיק וקם“, והטפשים חושבים כי כוונתו בדרך רבותא: אף על פי ששבע יפול צדיק, מכל מקום הוא קם. אבל החכמים יודעים היטב שהכוונה היא שמהות הקימה של הצדיק היא ה"שבע הנפילות" שלו. [...]

אתה הוא השתול בבית השם!

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2164.html

9
יאר צוריק
2017

## לוט שרייבט א בריוו

**חקרן** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 22סטן אקטאבער 2017

פונקט מיט ניין יאר צוריק, אין דער וואך פון פרשת לך לך, איז אנגעקומען אין קאווע שטיבל דער בריוו פון לוט בן הרן. מיר ברענגען אים אין דעם נומער אינגאנצן, מיט דעם ענטפער, אין דער הומאר־אפטיילונג.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11914.html

5
יאר צוריק
2021

## „יציאת מצרים תש"ו“

**דוראק** • קאווע שטיבל • היסטאריע • 22סטן אקטאבער 2021

„דוראק“ האט באשריבן ווי חב"ד־חסידים זענען ארויס פון סאוועטן־רוסלאנד אין תש"ו מיט געפעלשטע פוילישע פאספארטן:

ווי באקאנט, ווי נאר די קאמוניסטן האבן גענומען די מאכט אין רוסלאנד, האבן זיי זיך גענומען קעמפן קעגן דער רעליגיע. [...]

קומט תש"ו, און די פוילישע רעגירונג פאדערט ביי דער רוסישער זי זאל ארויסלאזן אלע פליטים. איז געווארן א געלעגנהייט, האט מען געפעלשט פוילישע פאספארטן און מ'איז ארויס. דער „ראש“ פון דער ארגאניזאציע איז געווען ר' יונה כהן פאלטאווער, השם ינקום דמו. איינער פון די ראשים איז געווען ר' מענדל פוטערפאס. ווען זיי האבן דערזען אז הגיעו מים עד נפש, האט ר' מענדל זיך געמאכט א בילעט, פאר זיך און פאר זיין משפחה. קומט ער צו גיין צו ר' יונה'ן, זאגט אים ר' יונה: „הייסט עס, אז מסירות נפש האט אויך א גבול? מסירות נפש האט אויך א מאס?“ ר' מענדל האט עס דערהערט, איז ער ווייטער דארט פארבליבן. ארויסגעשיקט האט ער זיין משפחה, און אליין איז ער געבליבן און פארשיקט געווארן אויף עטליכע גוטע יאר אין סיביר. (ר' יונה, אגב, האט זיך קיינמאל נישט אומגעקערט. ער איז אומגעקומען אין די וויסטע סיבירער מדברים, און צו קבר ישראל איז ער קיינמאל נישט געקומען.)

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14888.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינמיטן דעם למדנות'דיגן שמועס וועגן מעשר פאר וויקיפעדיע (זייט אינעם הלכה־שמועס), האט „ניו יארק“ געשריבן:

”

זייער פיין, גייטס נאר ווייטער אן מיט די געוואלדיגע למדנות, און ביז א שטיק צייט וועל איך קענען צאלן מיין טעקס מיט מעשר, ווייל ווי נישט ווי שטעלט דאך די גאווערמענט אהער די ראודס מיט מיין געלט (יא? רעדט אייך נישט איין...), און שטעל דיר פאר אז הצלה וואלט געדארפט פארן אויף די זאמד ביז א הילפס רוף, וואלט דאך קיינער נישט געוואלט זיין א מעמבער, וואלט דאך הצלה געדארפט באצאלן פאר די מעמבערס, וואלט דאך הצלה געגאנגען צוויי מאל א יאר נאך געלט, און איך וואלט דעמאלס זיכער עס געמעגט געבן פון מעשר... ווי האלט איך, מיין קאפ טוט שוין ווי...

א צווייטער זאל צוענדיגן פליז, אדער רוף הצלה...

**ניו יארק** • קאווע שטיבל • 7טן יאנואר 2013

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2687.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „לך לך – וואס מיינט זיין א טאטע?“ · **א שעפעלע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „לך לך - וואס מיינט זיין א טאטע?“ · 3טן נאוועמבער 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15617.html |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „שאלות אויף די סדרה: פרשת לך לך“ · **קרעמער און די חברים פון דער „היימישער קרעטשמע“**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „שאלות אויף די סדרה: פרשת לך לך“ · 6טן–13טן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1656992.html |
| **הלכה־שמועס** | „מעג מען געבן מעשר פאר וויקיפעדיע?“ · **יידל, שרגא, לעיקוואד און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „מעשר און צדקה פאר סעקולארע צוועקן“ · 6טן–8טן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2687.html |
| **תורה און וויסנשאפט** | „די דאקטוירים און ברית מילה“ · **יידל**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „גרופע דאקטורים גייען אנאנסירן: ברית מילה האט געזונט בענעפיטן“ · 20סטן און 27סטן אויגוסט 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1561.html |
| **אנשי שם • צום יארצייט, ט"ו חשון** | „חזיתי איש – רבי אברהם ישעיה קארעליץ“ · **רימון**<br>קאווע שטיבל · אנשי שם · אשכול „חזיתי איש - רבי אברהם ישעי' קארעליץ“ · 28סטן אקטאבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9754.html |
| **הומאר** | „העלפט ארויס די תנ"ך העלדן: א בריוו פון לוט“ · **חקרן**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „העלפט ארויס די תנ"ך העלדן!!!“ · 22סטן–23סטן אקטאבער 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11914.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „זמני שבת וראש השנה אויפן מארס“ · **מורינו הרב** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 22סטן אקטאבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2171.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „א מורא'דיגער בריוו פון ר' יצחק הוטנער“ · **outspoken** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 22סטן אקטאבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2164.html |
| **היינט מיט 9 יאר צוריק** | „לוט שרייבט א בריוו“ · **חקרן** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 22סטן אקטאבער 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11914.html |
| **היינט מיט 5 יאר צוריק** | „„יציאת מצרים תש"ו““ · **דוראק** · קאווע שטיבל · היסטאריע · 22סטן אקטאבער 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14888.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **פרזניק10 (נערך באדיבות כינר1)** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 2טן און 9טן נאוועמבער 2003<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „פארוואס שטייט מען ביי קידוש לבנה?“ · **חיים_חייקל / גראף** · היידפארק · היימישע קרעטשמע · „שאלה אויף די וואך: לך לך.“ · 11טן–13טן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1658074.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א משנה מיט צוויי נומערן“ · **שיינהייט** · היידפארק · היימישע קרעטשמע · „שאלה אויף די וואך: לך לך.“ · 9טן–11טן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1658074.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „כשם שנכנס לברית“ · **כרם זית / מרדכי מרדכי** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · „וואספארא וואונטש געבן מיר בשעת ברית מילה?“ · 30סטן אקטאבער און 8טן נאוועמבער 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15613.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **ניו יארק** · קאווע שטיבל · 7טן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2687.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 26סטן אקטאבער – נומער 2, דער ערשטער וועלטליכער נומער. דעם קומענדיגן דאנערשטאג – נומער 3, אויף פרשת וירא.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.